Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען.

נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 38/1638 | Łódź, Środa 13 lutego 1929 r. | זיבעטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ג׳ אדר א׳ תרפ״ט | Nr. 38/1638

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

סיבירער קעלטען אין אייראפע

38 גראד פראסט אין פאריז און באזעל, 34 אין וויען, 26 אין ווארשא.

ב ע ר ל י ן, 12 (אטע). אין דייטשען טייל פון אבערשלעזיען הערשען ווייטער שטארקע פרעסט. אין איינינע ערטער איז די טעמפעראטור געפאלען ביז 38 גראד.

ב ע ר ל י ן, 12 (אטע). איבער דער גאנצער שווייץ הערשט זייט 24 שעה א מורא׳דיגע שניי-זאווערוכע. אין גענף איז די טעמפעראטור געפאלען ביז 26 גראד, אין באזעל — ביז 37. די קאמוניקאציע איז איבערגעריסען.

ב ע ר ל י ן, 12 (אטע, די טעלעפאן-פערבינדונג בערלין—ברעסלוי און בערלין—פראנקפורט איז אינגאנצען איבערגעריסען.

פ א ר י ז, 12 (אטע). דער פראסט האט היינט דערגרייכט 38 גראד.

ו י ע ן, 12 (אטע), היינט האט מען דא נאטירט 34 גראד פראסט. די קויהלען-זאפאסען זענען אויסגעשעפט. די שולען און געריכטען זענען נישט טעטיג. קיין קוילען פון טשעכיען קומען נישט אן, ווייל די ש׳נעס זענען געפלאצט. אלע מערק זענען היינט נישט טעטיג געווען. כדי אויסצומיידען אומרוהען, פערטיילט מען אין די גאסען ווארעם געקעכטס פאר א מינימאלען פרייז.

נישט קוקענדיג אויפ׳ן פראסט זענען היינט די מיטגלידער פון פעראיין „פערקיהל דיך טעגליך", געקומען צום דונאי און זיך אויסגעבאדען.

פ א ז נ ע ן, 12 (אוו). נעכטען זענען אין פאזען אויף סלאוואצקי-גאס 18 פארגעקומען צוויי אויפרייסען פון גאז. דער ערשטער אויפרייס איז פארגעקומען בעת די מאנטערען זענען צוגעטרעטען צו פערריכטען די פערפרוירענע גאז-רעהרען. דער צווייטער — אין א שעה ארום. זעהר א שטארקער. אזוי אז ביז 20 מאן זענען פערוואונדעט געווארען. איינער איז געשטארבען אויפ׳ן וועג אין שפיטאל אריין.

וו א ר ש א, 12 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער פראסט האט דא היינט דערגרייכט 26 גראד. די בעפעלקערונג ליידט זעהר פון די קעלטען. עס זענען אונטערגענומען געווארען מיטלען צו העלפען דער ארימער בעפעלקערונג דורך טיילען ווארים עסען אין די גאסען.

אין איינינע ערטער איז צוליב׳ן מאנגעל אין קויהלען געקומען צו עקסצעסען, דהיינו, דער המון האט זיך געווארפען אויף קויהלען-סקלאדעס און גענומען זיי צוראבירען. פאליציי האט צוריקגעשטעלט די ארדנונג.

די פערוואלטונג פון דער לאדזער יודישער געזעלש. „דאבראטשינאשטש"

טיילט מיט וועגען דעם טויט פון איהר לאנגיעהריגען פרעזעס

נ״ע יעקב הערץ

א מענש מיט אונגעוועהנליכע מעלות פון גייסט און כאראקטער.

דער פערשטארבענער האט א רייה יאהרען טריי געדינט דער אידעע פאר דער ענטוויקלונג פון דער געזעלשאפט.

זאל איהם די ערד גרינג זיין!

4309

W dniu 10-go b. m. zmarł po długich cierpieniach

B. P. JAKUB HERTZ

Długoletni Prezes Zarządu Szpitala Starozakonnych fund. małż. Poznańskich w Łodzi.

W Zmarłym Szpital stracił oddanego i ofiarnego Opiekuna, który zawsze interesował się szczerze sprawami Szpitala.

Cześć Jego pamięci!

Zarząd Szpitala Starozakonnych fund. małż. Poznańskich w Łodzi.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 47 יאהר מיין ליבע מאן, זוהן, אונזער טייער פאטער און ברודער

נ. ע. יוסף יושינסקי

(יליד עיר ביאליסטאק).

די לויה קומט פאר היינט, מיטוואך, דעם 13. פעברואר ד. י., 3 א זייגער בייטאג פון טהרה-הויז אויפ׳ן בית החיים, וועגען וואס ס׳טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

4366

Dr. med.

B. Robinzon

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען.

פעטריקאווער 10, טעל. 31-86

נעהמט אן פון 8—9½ פריה און פון 3½—4½ נאכמ.

Dr. N. TRACHTENHERC

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען

נארוטאוויטשא 11, טע. 33-16

נעהמט אן פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.

האנדוו.-פעראיין, אגראדאווא 9, סעקציע פריזיער

עפענטליכע איינלאדונג.

צום פריזיער-ארב.-פעראיין, ווסכאדניא 70.

אין צוזאמענהאנג מיט׳ן פארגעקומענעם קאנפליקט מיט איינינע אונזערע מיטגלידער, ליגען מיר אייך פאר א קאנפערענץ אויף היינט, 8 אוונד אין לאקאל פון קולטור-אמט. גלייכצייטיג לאזען מיר פאר, אז די דאזיגע קאנפערענץ זאלען בייוואוינען פארשטעהער פון קולטור-אמט

די פערוואלטונג

פ. ס.: א בריף מיט אנ׳טהעלטליכען אינהאלט האבען מיר נעכטען ארויסגעשיקט.

4364

Udzielam gruntownie

języka niemieckiego. Specjalność:

konwersacja i literatura.

Oferty sub.: „Inteligentna" do administracji „Najer Folksblat" 4247

סאָוויעטען ראַטיפיצירען דעם אָפּמאַך

וועגען אַ הלואה פון 9 מיליאָן דאָלאַר פאַר יודישער קאָלאָניזאַציע.

מאָסקווע, 12. (ספּ. טעל.) דער סאָוונאַרקאָם פון ססטר. האָט בעהאַנדעלט דעם פאָרשלאַג פון אַמעריקאַנער "אַגראָדזשאָינט" וועגען געבען אַ הלואה דער סאָוויעטישער רעגירונג פאַר דער יודישער קאָלאָניזאַציע אין ססטר. אין סכום פון 9 מיליאָן דאָלאַר אויף 17 יאָהר. דער סאָוונאַרקאָם האָט דעם פּראָיעקט פון אָפּמאַך ראַטיפיצירט.

פּויליש-לעטלענדישער האַנדעלס-טראַקטאַט

איז נעכטען אונטערגעשריבען געוואָרען

ריגא, 12. (אַטע). היינט נאָכמיטאָג איז אונטערגעשריבען געוואָרען דער פּויליש-לעטלענדישער האַנדעלס-אָפּמאַך און דער באַהן-טראַקטאַט.

לעטלאַנד האָט אַנערקענט פאַר פּוילען די מינימאַלסטע צאָל-אָפּצאָהלונגען, פּוילען האָט אַנערקענט פאַר ליטע פערשידענע טאַריף-הנחות.

101 מיליאָן דאָלאַר

הלואה פאַר רומעניען.

פּאַריז, 12. (ספּ. טעל.) ס'איז שוין אונטערגעשריבען געוואָרען די הלואה-אָפּמאַך צווישען רומעניען און דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנסאָרציום, אין וועלכען עס געהען אַריין פאָרשטעהער פון באַנקען פון 12 מלוכות. די הלואה בעטרעפט 101 מיליאָן דאָלאַר, דער עמיסיע-קורס בעטרעפט 92 פּראָצענט ביי 6 און האַלב פּראָצענט יעהרליך.

באַהן-קאַטאַסטראָפע

אויף דער ליניע לעמבערג-טאַרנאָפּאָל.

לעמבערג. 12. (טעלעפאָניש). נעכטען איז אויף דער באַהן-ליניע לעמבערג-טאַרנאָפּאָל פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע. ביי דער סטאַציע זאַרוואָשע האָט זיך דער שנעל-צוג 202 צוזאַמענגעשטויסען מיטן משאות-צוג 871. קיין מענשען-קרבנות זענען נישט פאָרגעקומען, די היזקות בעטרעפען איבער 200 טויזענד זלאָטעס.

קאַמפּען אַרום קאַבול.

לאָנדאָן, 12 (אַטע). 4 ענגלישע עראָפּלאַנען האָבען ווידער נעכטען געבראַכט 58 ענטלאָפענע פון קאַבול קיין פּעשאַוואַר.

נעבען קאַבול זענען אין די לעצטע טעג פאָרגעקומען צאָהלרייכע קאַמפּען צווישען די געגנערישע מיליטער אָפּטיילונגען. ס'וואַקסט כסדר די אַלגעמיינע אונזיכערקייט.

דער פראָסט הערשט אויך אין ארץ-ישראל.

דער שרעקליכער פראָסט און געוויטער, וואָס בושעוועט יעצט אין אייראָפּע האָט אויך דערגרייכט פּאַלעסטינע. אַ טעלעגראַמע פון ירושלים לויטעט:

ירושלים, 12. (ספּ טעל.) נאָך דעם, וואָס ס'איז אויסגעפאַלען אַזאַ שניי, ווי מען האָט זעלטען ווען עס איז געזעהען אין פּאַלעסטינע, האָבען מיר געהאַט נאָך אַ מערקווירדיגע ענדערונג אינ'ם וועטער. עס האָבען אויסגעבראָכען גרויסע שטורעמס און שלאָגס-רעגענס איבער גאַנץ פּאַלעסטינאַ. די בריק איבער'ן טייך ליטאַני איז צושטערט און דער פערקעהר מיט מאָטאָר-קאַרס צווישען חיפה און ביירוט איז צייטווייליג אָפּגעשטעלט געוואָרען.

דענקמאָל פאַר זשעלאַבאָוו'ען אין פּעטראָגראַד.

ריגא, 12. (ספּ .טעל.) די סאָוויעטישע פּרעסע טיילט מיט אַז אין פּעטראָגראַד ווערט אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל פאַר זשעלאַבאָוו, וואָס האָט אויסגעפיהרט דעם אַטענטאַט איבער אַלעקסאַנדער דעם צווייטען.

סטאַלין וויל אַרויסשיקען אויך ראַקאָווסקי'ן.

מאָסקווא. (י.ט.אַ.) — פון זיכערע קוועלען ווערט איבערגעגעבען, אַז ראַדעק, ראַקאָווסקי און אַנדערע אַרעסטירטע באָלשעוויסטישע פיהרער זענען אויפגעפאָדערט געוואָרען פון סטאַלינ'ען אונטערצושרייבען אַ פערשפּרעכונג, אַז זיי וועלען אויפהערען אַרויסצולאָזען מאַניפעסטען און צו שיקען בריף צו זייערע אַנהענגער. סטאַלין סטראַשעט זיי, אַז אויב זיי וועלען נישט אונטערשרייבען אַזאַ פערשפּרעכונג וועט ער זיי אַרויסשיקען פון לאַנד.

מען איז בעזונדערס בעזאָרגט וועגען ראַקאָווסקי'ן. ער איז אין רומעניען פערמשפּט געוואָרען צום טויט פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט, און מען האָט מורא, אַז אויב ראַקאָווסקי וועט אַרויסגעשיקט ווערען פון רוסלאַנד אין אַנ'אַנדער לאַנד, וועט רומעניען איהם אַרויספאָדערען פון יענעם לאַנד, כדי ער זאָל בעקומען די שטראָף, צו וועלכער מען האָט איהם פערמשפּט.

געגנב'עט פּאָסט-פּאַקעטען

אויף צוויי מיליאָן דאָלאַר.

לאָנדאָן, 12 (אַטע). אויפ'ן וועג פון האָל קיין לאָנדאָן איז געגנב'עט געוואָרען אַ זאַק מיט 54 פּאָסט-פּאַקעטען. דער פּאָסט-אַמט אין האָל ערקלערט, אַז דער ווערט פון די געגנב'עטע פּאַקעטען בעטרעפט 2 מיליאָן מאַרק.

צווייטער אינטערנאַציאָנאַל

וועגען דער ענטוואָפענונגס-פראַגע.

לאָנדאָן, 12 (אַטע) דער אויספיהרונגס-קאָמיטעט פון סאָציאַליסטישען אינטערנאַציאָנאַל האָט בעטראַכט די ענטוואָפענונגס-פראַגע. ס'איז בעשלאָסען געוואָרען אויסצואַרבייטען אַ פּראָיעקט וועגען אַלגעמיינער ענטוואָפענונג.

אָטאָ באַוער (עסטרייך) האָט אָפּגעגעבען אַ בעריכט פון דער קאָמיסיע פאַר מינדערהייטען. ס'איז בעשלאָסען געוואָרען צו פאָדערען פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, וועלכע וואוינען אין קאָמפּאַקטע מאַסען אויף אַ געוויסער טעריטאָריע אַ טעריטאָריאַלע אויטאָנאָמיע און פאַר די פערשפּרייטע מינדערהייטען די מעגליכקייט צו בענוצען די שפּראַך און צו ענטוויקלען זייערע שולען און קולטור.

פערארדנונג פון שפּאַנישען קעניג

צו רעגיסטרירען אַלע געגנער פון פּרימאָ-דע-ריוועראַ'ס דיקטאַטור

מאַדריד, 12. (ספּ. טעל.) עס איז פערעפענטליכט געוואָרען אַ ספּעציעלע פעראָרדנונג פון שפּאַנישען קעניג, לויט וועלכער 1) אַלע פּערזאָנען, וועלכע קריטיקירען די מיניסטאָרען און רעגירונגס-אינסטיטוציעס מיט'ן ציל אַראָפּצורייסען זייער אויטאָריטעט, דאַרפען אַרעסטירט ווערען; 2) געזעלשאַפטען, וועלכע זענען עובר דעם סטאַטוט, וואָס פערבאָט זיי צו בעהאַנדלען פּאָליטישע פראַגען, ווערען געשלאָסען, אויב זייערע מיטגלידער בעגעהען פערברעכענס אויפ'ן אופן, ווי עס ווערט אָנגעוויזען אין ערשטען פּאַראַגראַף; 3) די רעסאָרט-אָפּטיילונגען דאַרפען איינפיהרען רשימות וועגען די מיטגלידער פון די צענטראַלעס, ווי אויך פּראָווינציעלע און אָרטיגע פערוואַלטונגס-אָרגאַנען מיט ידיעות וועגען זייער טעטיגקייט, פּאָליטישער אַנפּערטרויליכקייט, אָנמערקענדיג בעזונדערס די, וועלכע ווייזען זיך אַרויס אַלס געגנער פון דעם עקזיסטירענדיגען רעזשים און פּרובען אַראָפּצורייסען דעם רעגירונגס-אויטאָריטעט. 4) אַלע ביוראָען פון די פּאַטריאָטישע יוניאָנס דאַרפען פיהרען רשימות פון די פּערזאָנען, וועלכע ווייזען אַרויס אַ שטרעבונג צו דעמאָראַליזירען און פעלשען די עפענטליכע מיינונג, די דאָזיגע רשימות דאַרפען איבערגעגעבען ווערען אין רשות פון די מלוכה'שע אַנשטאַלטען, אויב דאָס פאָדערען די פערהעלטנישען. די דערמאָנטע אין דעם ערשטען פּאַראַגראַף פּערזאָנען, ווערען בעשטראָפט מיט תפיסה פון 1 ביז 14 טעג און מיט געלד-שטראָף פון 25 ביז 2500 פּעזעטען, ואונאָפּהענגיג פון די שטראָפען, צו וועלכע זיי ווערען שפּעטער פערמשפּט פונ'ם געריכט. די שטראָפען פאַר די דערמאָנטע פּערזאָנען אין 2.—4 פּאַראַגראַפען בעשטימט דער מיניסטאָרען-קאַבינעט. די בעשלוסען פון לעצטען זענען לעצט-גילטיגע.

גרויסער מעטעאָר

אַראָפּגעפאַלען נישט ווייט פון ווילנע.

ווילנא.

אין דער נאַכט פון פרייטאָג אויף שבת 12 אַ זייגער האָבען דורכגעהער געקענט זעהען אויפ'ן הימעל אַנ'אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג.

דער הימעל האָט פּלוצלונג אָנגעהויבען העל צו לייכטען, ס'האָט דערלאַנגט אויף עטליכע סעקונדען אַ בליץ אַזוי אַז מען האָט געמוזט פערמאַכען די אויגען.

אַ סך מענשען האָבען אויסגעטייטשט די דאָזיגע ערשיינונג אַלס אַ קורצשלוס אין די עלעקטרישע דראָטען, אַנדערע האָבען גערעכענט, אַז דאָס איז אַ ראַקעטע. ס'זענען אָבער געווען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס האָבען געטענה'ט אַז דאָס איז ערגיץ נאָהענט אַראָפּגעפאַלען אַ מעטעאָר-שטערן.

ווי ס'ווייזט ארויס איז די דאָזיגע ערשיינונג נאָך בולטער אָבסערווירט געוואָרען אויף דער פּראָווינץ אין די אַרומיגע דערפער און שטעטלעך פון ווילנא.

דער איינוואוינער פון דוואיליני — בענעדיקט יאָסיעוויטש, וועלכער האָט זיך גראָד אין דער צייט אומגעקעהרט מיט זיין פוהר פון ווילנא אין זיין דאָרף, דערצעהלט די אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונג אַזוי:

פאָהרענדיג, האָט ער פּלוצלונג בעמערקט ווי די וואָלקענס האָבען אָנגעהויבען העל צו לייכטען און אויף דער ערד האָט אַ שפּריץ געטון אַ סנאָפּ פונקען און באַלד דערויף האָט מען געזעהען אין חלל פאַלענדיג אַ גרויסע לויכטענדע מאַסע בעגלייט מיט קלעפּ ווי פון האַרמאַטען. לויט די ידיעות וואָס זענען אָנגעקומען פון פּראָווינץ זענען אין די דערפער יאַנאָווא און דוואַליני פון די קלעפּ אַרויסגעפאַלען אין פיל הייזער די פענסטער און אַפילו די טירען.

פון פאָרבערעזיע איז מען מודיע, אַז דער מעטעאָר איז משמעות אַראָפּגעפאַלען צווישען די גרענעץ-דערפער אַליאַני און פּוסטילקו, ווייל דאָרט האָט זיך דערפיהלט חוץ די ליכט-דערשיינונגען אויך די לופט-אויפטרייסלונגען. לויט אַנדערע ווערסיעס זאָל דער מעטעאָר האָבען אַראָפּגעפאַלען אויף יענער זייט גרענעץ.

אויך אין מיישעגאָלע איז אָבסערווירט געוואָרען די אויסערגעוועהנליכע ערשיינונג. גענויערע פּרטים פעהלען נאָך דערווייל.

פון דער ליטווישער גרעניץ קומען אָן ידיעות וועגען אַ טראַגיקאָמישען אינצידענט מיט דער ראָזיגער דערשיינונג.

אויף די גרעניץ-אָפּשניטען ניעמיענטשין—קאַלטיניאַן—סווענציאַן און רוקשט זענען די פּאָסטערונקעס פון דער גרעניץ-וואַך אַלאַרמירט געוואָרען פון אַ שטאַרקער שיסעריי און קאַנאָנאַדע, וואָס האָט זיך געטראָגען מצד דער ליטווישער גרעניץ.

די ערשטע ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון יענער זייט גרעניץ האָבען געלויטעט, אַז אין גאַרניזאָן פון דעם ליטווישען שטעטעל יעזיאָרקי איז אויסגעבראָכען אַנ'אויפשטאַנד. די שפּעטערדיגע אינפאָרמאַציעס האָבען דערצעהלט, אַז די אויפטרייסלונגען פון מעטעאָר האָבען די ליטווינער אָנגענומען אַלס אַ שיסעריי פון פּוילישע האַרמאַטען אויף קאָוונע און זיי האָבען געענטפערט מיט אַ שיסעריי.

איינער פון די ליטווישע גראַנאַטען האָט זיך איינגעריסען אויף דער פּוילישער טעריטאָריע אין ראַיאָן פון ניעמיענטשין.

Dr. DONCHIN
מאַניושקי 1, טעלעפאָן 9-97
ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויגענקראַנקהייטען
נעמט אָן טעגליך פון 10—1 מיטאָג און 4—7 נ.מ.
זונטאָג פון 10 ביז 1 ביי טאָג.

Dr. med. ALBERT GOTLIB
פּיעטריקאָווער 26,
טעלעפאָן 50-77.
אַקושער און ספּעציאַליסט פון פרויען-קראַנקה.
נעהמט אָן פון 4 ביז 7 אָווענד. 340

Dr. med. STUPEL
.12 Szkolna 12.
ספּעציאַליסט פאַר הויט-, האָר און .מענערישע קראַנקהייטען
[illegible]
נעהמט אָן פון 6 ביז 9 אין אָווענד.

Dr. Z. Rakowski
ספּעצ. פאַר אויערען-, נאָז, האַלז- און ל נגען-קראַנקה.
קאָנסטאַנטינער 9, טעל. 27-81.
שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעמשניצע, זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—3.

יודישער קאַמער-טעאַטער
לייטונג: מ. בראָדערזאָן.
„אַרערט"
זאַכאָדניאַ 43
היינט — 1 פאָרשטעלונג:
אָנהויב 9.30 אַ זייגער אָווענד
דער פּראַכטפולער 5. קאַרנאַוואַל-פּראָגראַם
„מאַסקאַראַד" א.ג.
1) אובערטור. 2) דער דייטש. 3) כשוף. 4) שאלות און תשובות. 5) דער וואַלד-גזלן.
6) אַ מויד אַ צימעס. 7) אַ קרבן פון קאַרנאַוואַל. 9) דער ווייסער מאַסקאַראַד.
טעקסטען פון שלום עליכם, מ. בראָדערזאָן און י. אָבערזשאַנעק. :—: מוזיק-קאָמפּ.: דוד בייגעלמאַן. קאָנפּ.: י. רייזגלאַס. קאָסט.דעקאָר.: ד. מאַטוס און ש. בלום. ליכט-עפעקטען: י. יעראָזאָלימסקי.
די קאַסע איז אָפען טעגליך פון 6 אָוו., שבת פון 1.30 ביז 5 נאָכמ. און פון 7 אָווענד.

Ewelina Brent i George Bancroft — די העלדען פון בי"ד „Ludzie Podziemni" — היינט גרויסע פּרעמיערע!
„אין אָפענע קאַרטען"
אין דער מעכטיגער דראַמע א. נאָמען:
נעכסטער פּראָגראַם: „RAMONA" מיט Dolores del Rio אין דער הויפּט-ראָל

קינאָ-טעאַטער
„CAPITOL"
רוג זאַוואַדזקאַ און זאַכאָדניאַ.
אונרחמנות'דיגער קאַמף פון פערבלענדעטע פון רייך מענער וועגען אַ פרוי!
דער גרעסטער קרבן פאַר פרויען-ליבע — ל ע ב ע ן!

דער שלום פון מאָסקווע.

דער 9־טער פעברואַר, — דער טאָג פון אונטערשרייבען דעם ליטווינאָוו־פּראָטאָקאָל אין מאָסקווע — קאָן און וועט געווים אַלגעמיין בעטראַכט ווערן אַלס וויכטיגע ראַטע און ווענדע־פונקט אין די בעציהונגען און פערהעלטנישען אין מזרח־אייראָפּא.

בכלל קאָן די פערגאַנגענע וואָך בעצייכענט ווערן אַלס „וואָך פון שלום". קודם־כל האָבען אין משך פון די ראָזינע טעג כמעט אַלע פּאַרלאַמענטען אין אייראָפּא ווי אויך אין אַנדערע וועלט־טיילען ראַטיפיצירט דעם אַזוי בעריהמט־געוואָרענעם קעלאָג־פּאַקט. אמת, אַז קיין גרויסע בעגייסטערונג פאַר דעם ראָזיגען „פרידענס־אַקט" איז כמעט אין ערגיץ נישט געווען צו בעמערקען, און די אויסערן־מיניסטאָרען פון דאָס רוב מדינות האָבען פערטיידיקט דעם קעלאָג־פּאַקט דער עיקר צוליב דעם, וואָס קיין שום לאַנד וויל נישט איינרייסען מיט אַמעריקא, וועלכע האָט זיך גענומען דעם פּאַטענט פאַר'ן ראָזיגען שלום.

אַגב איז דער גאַנצער טומעל אַרום דעם קעלאָג־פּאַקט געווען בלויז אַ ריין פאָרמעלער, מחמת אויב עס זענען יאָ געווען ספיקות, צי וועט זיך אַ וועלכע ס'איז מדינה שטאַרק ישוב'ן בנוגע דער ראַטיפיקאַציע — איז די ראָזינע מדינה געווען נישט קיין אַנדערע ווי דווקא אַמעריקע גופא, אין וועמענס נאָמען קעלאָג האָט געבראַכט דעם שלום אַוש מעבר לים קיין פּאַריז. אָבער אין דעם מאָמענט ווי ס'איז נאָר בעוואוסט געוואָרען, אַז דער קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן האָט מיט מ״ל מסכים געווען צו אַנערקענען דעם שלום־ווערק פון אַמעריקעם אויסערן־מיניסטער — איז שוין קיין צווייפעל נישט געווען, אַז מעהר קיין מניעות וועט שוין דער ראָזינער פּאַקט אין ערגיץ נישט אָנטרעפען.

און כך־הוה. נישט נאָר האָבען אַלע לענדער ראַטיפיצירט דעם פּאַריזער אָפּמאַך, נאָר יעדע מדינה האָט זיך בעמיהט צו זיין פון די ערשטע, פון די זריזים מקדימים, אַזוי, אַז מען האָט געזעהן בחוש, ווי די פּאַרלאַמענטען פון דער גאַנצער וועלט ווילען איבעריאָגען איינער דעם אַנדערען, אין דער שנעלינקייט און גרייטפערטיגקייט צו טון דעם רצון פון די היינט הקיף'ע פעראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע.

אַ גרעסערער וואונדער איז דערפאַר דאָס צושטאַנדקומען פון דעם שלום־פּאַקט אין מאָסקווע. עס איז גענוג צו דערמאָהנען זיך, אַז ליטווינאָווס פאָרשלאַג צו פוילען וועגען אונטערשרייבען אַ בעזונדערען פרידענס־פּראָטאָקאָל איז געמאַכט געוואָרען סך־הכל מיט דריי וואָכען צוריק, אַז די ראָזינע הענדלונג פון סאָוועטישען אויסערן־קאָמיסאַר איז איבעראַל בעגעגענט געוואָרען מיט אומצוטרוי און אַפילו מיט חוזק, אַז פון אַלע זייטען האָט מען כסדר געהערט „נביאות" אַז פון דעם ראָזיגען משא ומתן וועט נישט און קאָן נישט אַרויסקומען עפּעס ממשות'דיגעס און אַז אין פוילען גופא האָט מען לכתחילה בכלל נישט גענומען ערנסט ליטווינאָווס ווענדונג — כדי אָפּצושאַצען ווי געהעריג די גרויסע אַרבייט וואָס איז אין דעם דערמאָנטען משך צייט אָפּגעטון געוואָרען.

זעלבסטפערשטענדליך, איז נאָך דער אַקט פון אונטערשרייבען דעם ליטווינאָוו־פּראָטאָקאָל אין מאָסקווע ווייט נישט קיין פולשטענדיגע גאַראַנטיע פאַר אַ דויערנדען שלום אויפ'ן מזרח'דיגען טייל פון אייראָפּע. אָבער שוין דער פּאַקט גופא, וואָס ס'איז געפונען געוואָרען אַ בשותפות'דיגער לשון פון איין זייט צווישען סאָוויעט־רוסלאַנד און פוילען און פון דער צווייטער זייט צווישען סאָוויעט־רוסלאַנד און רומעניען, בעווייזט אויף דער וויכטיגער איבערקעהרעניש וואָס איז לעצטענס פאָרגעקומען אין די מוחות פון די דיפּלאָמאַטען.

משמעות, אַז דאָס לעבען איז שטאַרקער פאַר די כל המינים טעאָריעס, און נאָך צעהן יאָהר „דיפּלאָמאַטעווען" זענען ביידע צדדים געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אויב זיי ווילען נאָרמאַליזירען און געזונט מאַכען די פערהעלטנישען אין די איינענע לענדער מוזען זיי אויפ'ן ערשטען פּלאַן שאַפען דערטרעגליכע שכנות'דיגע בעציהונגען, און ערשט דאַן וועט מען זיך קאָנען צונויפרעדען וועגען אַלע פראַגען וואָס אינטערעסירען ביידע צדדים:

אַגב האָבען זיך צום ליטווינאָוו־פּראָטאָקאָל אין לעצטען מאָמענט פעראייניגט אויך לעטלאַנד און עסטלאַנד, און דורך דעם ווערט די בעדייטונג פון מאָסקווער פּאַקט נאָך גרעסער, מחמת פוילען, רומעניען, לעטלאַנד און עסטלאַנד שטעלען פאָר מיט זיך כמעט אַלע געוועזענע אַזוי־גערופענע „ראַנד־לענדער", בפרט, אַז פינלאַנד און ליטע זענען דערווייל געבליבען שטעהן פון דער זייט בלויז צוליב פאָרמעלע טעמים.

אַחראַי וועלען מיר נאָך אַזוי גיך נישט שפּירען די קאָנקרעטע רעזולטאַטען פון דער מאָסקווער „פּאַציפיקאַציע", מחמת דערצו פאָדערט זיך אַ צייט אַ אַרבייט פון ביידע זייטען. וויכטיג אָבער איז צו קאָנסטאַטירען אַז ענדליך איז מען אין אונזער מזרח־אייראָפּע אַרויף אויפ'ן ריכטיגען וועג, און אַז דער דיפּלאָמאַטיע בלייבט נאָר ווייטער פאָרצוזעצען די געלונגענע התחלה צום נוצען פון ביידענס לענדער און פעלקער.

ד—ן.

קלאָרע ווערטער און אומקלאָרע מעשים.

די עפענטליכע מיינונג איז אין דער לעצטער צייט שטאַרק פעראינטריגירט מיט דער פראַגע, ווי אַזוי די רעגירונג בעציהט זיך צו דער פריוואַטער איניציאַטיוו אין דעם ווירטשאַפטליכען לעבען. נישט בלויז אין די פריוואַטע ווירטשאַפטליכע ספערען איז די פראַגע געוואָרען די טעמע פון טאָג, נאָר אפילו אין האַלב־און גאַנץ־אָפיציעלע קרייזען. און דערצו בעגנוגענט מען זיך נישט מיט'ן בלויזען פעסטשטעלען די פּראַקטישע רעזולטאַטען און די פאָלגען פון דעם עטאַטיזם, נאָר מ'דיסקוטירט אפילו איבער דער טעאָרעטישער זייט פון דער פראַגע. ממילא איז פערשטענדליך, וואָס מינ. טשעכאָוויטש האָט אין זיין לעצטער בודזשעט־רעדע בעריהרט קודם כל דאָס עטאַטיסטישע פּראָבלעם אין פוילען.

און געטון האָט ער עס נישט בלויז דערפאַר, וואָס די פּאָלעמיק האָט אָנגענומען זעהר שאַרפע פאָרמען און זיך בעמיהט פאָרצושטעלען די רעגירונג ווי אַ שונא פון דער פריוואַטער ווירטשאַפט, וואָס זוכט כל־ערליי מיטלען צו פערשמעלערען איהר איינפלוס אין דער מלוכה און צו אונטערוואַרפען זי אַ שטענדיגער קאָנטראָל, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס די פּאָלעמיק איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אייניגע פּאָליטיקער האָבען זיך אפילו נישט אָפּגעשטעלט פון צו מאַכען אַ פּאַראַלעל צווישען פוילען און סאָוויעט־רוסלאַנד. אין ביידע לענדער ווערען אַלץ מעהר געביטען פערמלוכה'עשט, סאָציאַליזירט, און דער קאַפּיטאַל פערלירט אַלץ מעהר דעם באָדען אונטער די פיס.

אַזעלכע עפענטליכע פאָרוואורפען זענען זעהר שעדליך פאַר דער מלוכה, וואָרום דאָס שרעקט אָפּ דעם אויסלענדישען קאַפּיטאַליסט. נישט ער וועט אין אַזאַ לאַנד גערן אינוועסטירען זיין געלד, נישט ער וועט עס אויסבאָרגען דעם פּוילישען בירגער וועמענס עקזיסטענץ און ענטוויקלונג ווערט אינערליך געשטערט. והשנית איז עס זעהר פיינליך פאַר אַ פּוילישען מיניסטער, ווי פאַר יעדען אַנדערען עהרליכען בירגער, ווען מען פערגלייכט פוילען מיט'ן באָלשעוויזם, וועלכען זי האַסט אינערליך.

מינ. טשעכאָוויטש האָט ביידע זאַכען טיף געפיהלט, סיי אַלס בירגער פון זיין לאַנד, סיי אַלס דער, וועלכער איז פעראַנטוואָרטליך פאַר דעם ווירטשאַפטליכען לעבען אין לאַנד. און ער איז אמת'דיג געקומען צום סיים און זיך ביי איהם ממש געבעטען, צו מאַכען אַ סוף צו דער שעדליכער דיסקוסיע, ווייל אין דער ווירקליכקייט איז די רעגירונג גאָר געגען דעם עטאַטיזם.

נישט נאָר, וואָס די רעגירונג האַלט נישט דעם עטאַטיזם פאַר'ן ענד־ציל פון איהר ווירטשאַפטליכער פּאָליטיק, נאָר פערקעהרט, די רעגירונג זעהט פוילענס צוקונפט אין דער ענטוויקלונג פון דער פריוואַטער אונטערנעהמערשאַפט. אַזוי האָט מינ. טשעכאָוויטש פייערליך ערקלערט פאַר'ן סיים אין זיין אייגענעם נאָמען און אין נאָמען פון דעם שעף פון דער רעגירונג. די רעגירונג שטרעבט נישט אַרויסצושטויסען דעם פריוואַטען מענשען פון זיינע ווירטשאַפטליכע פּאָזיציעס זי וויל נישט בעגרעניצען און האַמעווען זיין ענטוויקלונג זי אונטערשעצט נישט זיין בעדייטונג, להיפך, אַלע אויפטוען פון דער רעגירונג צילען צו שאַפען אַלץ ברייטערע, בעקוועמערע בעדינגונגען און מעגליכקייטען פאַר דער פריוואַטער איניציאַטיוו.

די נעגאַטיווע בעציהונג פון דער רעגירונג צו די עטאַטיסטישע טענדענצען, זאָגט ווייטער מינ. טשעכאָוויטש, איז זיך נישט סומך אויף קיין שום פּוסטע סענטימענטען צום פריוואַטען מענשען, צום יחיד, נאָר זי באַזירט אויף אַ געזונדען, פּראַקטישען יסוד. קיין שום רעגירונג דאַרף זיך נישט אַנגאַזשירען אין געשעפטס־אונטערנעהמונגען, ווייל דאָס איז פערבונדען מיט ריזיקע. היינט איז דער אַרטיקעל גאַנגבאַר, מאָרגען פערלירט ער זיין ווערט. היינט לוינט זיך צו פאַבריצירען, און מאָרגען שווימען אַרויף נייע קאָניונקטור־אומשטענדען, אויף וועלכע די רעגירונג האָט נישט קיין שום השפּעה, און פערשאַפען גרויס פערלוסט. די רעגירונג מוז בעל כרחה דעקען דעם היזק פון איהרע בודזשעט־הכנסות. און ווען אַ רעגירונג פיהרט אַ סך אַזעלכע אונטערנעהמונגען, ווען עס מעהרען זיך די נישט־פאָראויסגעזעהענע הוצאות, איז עס בכח צו בעדראָהען די גלייכגעוויכט פון בודזשעט. והשנית, זאָגט מינ. טשעכאָוויטש, וועט די ביוראָקראַטישע אַדמיניסטראַציע קיינמאָל נישט דערגרייכען די רעזולטאַטען, וועלכע עס ברענגט די פרייע, אונגעצוואונגענע פריוואַטע ווירטשאַפט־לעריי.

קלאָרע דבורים.

אָיי, די מלוכה'שע אונטערנעהמונגען, וואָס האַלטען דערצו אין איין פונאַנדערוואַקסען זיך מיט יעדען טאָג! נישט די איצטיגע רעגירונג איז אין דעם שולדיג, נאָר די פריהעריגע, וואָס האָבען זיך געלאָזט פיהרען ביי דער נאָז פון יחידים און אָפּגעקויפט אָדער געוואָרען מיט אינהאַבער פון אַזעלכע געשעפטס־אונטערנעהמונגען, וואָס זענען שוין מיט איין פוס געשטאַנען אויף יענער זייט. דאָס אַלזאָ אַ ירושה, אַ בעלאַסטענדע ירושה פון די פריהעריגע מאַכטהאָבער, וואָס די רעגירונג איז געצוואונגען צו פיהרען אַזוי לאַנג, ביז זי וועט צוריק אַרויסבעקומען איהרע פאַר גראָשען. נאָר אַזוי לאַנג וועט די רעגירונג פיהרען די אונטערנעהמונגען, און דאַן וועט זי זיי ליקווידירען.

אויך דאָס איז קלאָר און פערשטענדליך פאַקטיש האָבען די פריהעריגע רעגירונגען איבערגעלאָזט אַ ירושה, פאַר וועלכער מיר צאָהלען עד־היום רבי־געלד. אָבער צי גרייט זיך טאַקי נישט אויך די היינטיגע רעגירונג צו איבערלאָזען נאָך זיך אַזאַ מין ירושה?

צי האָט נישט די היינטיגע רעגירונג געשאַפען עקספּאָרט־סינדיקאַטען, צי האָט זי נישט אַרויסגעריסען דעם תבואה־האַנדעל ביים פריוואַטען סוחר מיט דער הילף פון מלוכה'שע אינסטיטוציעס? צי בעמיהט זי זיך נישט צושטעלען אונטער אַ קאָנטראָל דעם עקספּאָרט פון אַ גאַנצער רייהע אַרטיקלען? צי ווייזט זי נישט אַרויס אַ בולט'ע טענדענץ אַרויסצונעהמען אייניגע ווירטשאַפטליכע צווייגען פון איינע הענד און איבערגעבען זיי אין אַנדערע, לאשר ישר בעיניו? צי האָט נישט די רעגירונג געגעבען די איניציאַטיוו דער קאָמונאַלער מאַכט צו שאַפען מעכאַנישע בעקערייען? צי זענען אַזעלכע אויפטוען נישט בכח צו פּענטען די פרייע ווירטשאַפטליכע ענטוויקלונג? צי איז אַזאַ מין בעאיינפלוסען דאָס עקאָנאָמישע לעבען נישט „עטאַטיזם"?...

ווען מען האָט דער רעגירונג געמאַכט אַ פאָרוואורף, אַז דאָס קריגס־מיניסטעריום וויל אָפּקויפען נאָוויצקי'ס טוך־פאַבריק אין ביאַליסטאָק, האָט מינ. טשעכאָוויטש ערקלערט, אַז דאָס איז אַ פּרט, פאַר וועלכען מען קאָן די גאַנצע רעגירונג נישט מאַכען פעראַנטוואָרטליך. איז עס טאַקי אַ פּרט? הייסט עס טאַקי, אַז די רעגירונג איז פעראַנטוואָרטליך פאַר עפּעס אַן'אַבסטראַקטען מיניסטאָרען־ראַט, און נישט פאַר דעם, וואָס עס טוט דער קריגס־, אינערן־, האַנדעלס־, צי אַרבייטס־מיניסטער?

יאָ, דבורים האָט מינ. טשעכאָוויטש גערעדט קלאָרע, אָבער די מעשים זענען ווייט־ווייט נישט קלאָר.

עס איז דאָ אַ יש־אומרים, אַז נישט די מיניסטאָרען זענען עטאַטיסטיש געשטימט, נאָר די העכערע בעאַמטע, וואָס זיי האָבען פאַקטיש די מאַכט אין האַנד. מען זאָגט אפילו, אַז עס קומען פאָר שטאַרקע רייבונגען אין דער לעצטער צייט.

מיר קאָנען נאָר צוגעבען, אַז אפילו ווען אַט די העכערע בעאַמטע וועלען דימיסיאָנירען, וועט נאָך אַלץ בלייבען אונקלאָר פאַר אונז די פראַגע, צי מינ. טשעכאָוויטש פערטיידיגט דעם עטאַטיזם, צי לייגט ער איהם אין חרם?

מאַג. ש. בונין.

דאגות און צרות
פון דער יודישער סטודענטענשאַפט אין עסטרייך.

(קאָרעספּאָנדענץ פון ווין צום „נ. פאָלקסבלאַט")

פון ה. א. טענענבלאַט.

דאָס לעבען פון דער יודישער סטודענטענשאַפט אין אייראָפּע, איז אין די לעצטע יאָהרען נישט געווען איבעריג אינטערעסאַנט. מען האָט נאָר געוואוסט, אַז די גרויסע מאַסען פון יודישע סטודענטען אויף די פערשידענע אייראָפּעאישע אוניווערזיטעטען לעבט אין שרעקליכער נויט. אָבער דאָס פּראָבלעם פון עלענד און הילפס־בעדירפטיגקייט פאַר דעם יודישען סטודענט האָט זיך צונויפגעגאָסען דער יודישער עפענטליכקייט, פונקט ווי די אַלגעמיינע נויט און עלענד פון די יודישע מאַסען אין מזרח־אייראָפּע בכלל. חוץ דעם האָט די יודישע סטודענטענשאַפט נאָכ'ן וועלט־קריג פערלוירען איהר דאָמינירענדע פּאָזיציע אין דער נאַציאָנאַלער בעוועגונג און אין קולטורעלען ווידעראויפלעבונגס־פּראָצעס פון יודישען פאָלק.

ערשט ואָס אין דער לעצטער צייט צייכענט זיך אָן אַ נייער פּעריאָד אין דער יודישער סטודענטישער בעוועגונג. דאָס האַרטע ראַנגלען זיך מיט די שווערע טעגליכע ברויט־זאָרגען און מיט די שטאַרק פערמיטערטע שאַנסען פון סאָציאַלען און מאַטעריעלען אויפשטייג נאָך דער שטודיום־בעענדיגונג בעשטעהט אַפילו נאָך אַלץ אין פולער שאַרפקייט, אָבער דער יודישער סטודענט ווערט ביסלעכווייז ווידער בעוואוסט אויך פון גייסטיגער און נאַציאָנאַלער נויט. ער הויבט אָן הערוועהען זיין איינענע קולטורעלע ירידה דורכ'ן אָפּגעבען זיך בעיקר מיט דער ברויט־ און וואָס־פראַגע פון יודישען סטודענט, ער בעקומט צוריק אינטערעס פאַר אידעאַלאָגישע פּראָבלעמען בכלל און פאַר יודישע בפרט ער וויל ווידער אַריינדרינגען אין דער העכערער אינטעלעקטועלער יודישער געזעלשאַפטס־שיכט און אויספיהלען אין איהר זיין אַלטען פּלאַץ ווי פאַר'ן וועלט־קריג.

די ראָזינע נייע ענטוויקלונג אין דער יודישער סטודענטען־בעוועגונג איז קענטליך געוואָרען אויך אויף די לעצטענס אָפּגעהאַלטענע קאָנפערענצען פון דער יודישער סטודענטענשאַפט אין עסטרייך. אין ווין אַליין צעהלט מען העכער דריי טויזענד יודישע סטודענטען פון עסטרייך, אונגאַרן, פוילען, רומעניען, פון באַלקאַן בכלל און אויך פון די באַלטישע לענדער. אין אַזאַ ריזינען סטודענטישען קיבוץ ליגט אַ געוואַלדיגער אוצר פון יודישען אינטעלעקט און פון נאַציאָנאַלע ענערגיע בכלל. אויף די איבריגע עסטרייכישע אוניווערזיטעטען און הויכשולען שטודירען הונדערטער יודישע סטודענטען פון פערשידענע לענדער. אַ גייסטיגע רעאַקטיווירונג פון אַזאַ מאַסע סטודענטען, איז אַ געוואַלדיגער געווין פאַר יעדער נאַציע. מכל שכן פאַר אונז יודען. שוין דער אָנהויב איז אַ פיל־פערשפּרעכענדער אָנזאָג פאַר דער צוקונפט אויב די ענטוויקלונג וועט ווייטער געהן אין דער אָנגעצייכענטער ליניע, איז מעגליך, אַז די יודישע סטודענטענשאַפט וועט באַלד ווידער שפּילען איהר גלאַנצראָלע אין אונזער נאַציאָנאַלען און קולטורעלען לעבען ווי אין גרויסען רענעסאַנס־דור פאַר'ן וועלט־קריג.

די יעהרליכע קאָנפערענץ פון אַלגעמיינעם יודישען הויכשול־אויסשוס אין וועלכען עס זענען אָרגאַניזירט געוואָרען עטליכע טויזענד יודישע סטודענטען פון אַלע פּאַרטייאישע גרופּירונגען — פון ציוניסטען ביז קאָמוניסטען — האָט זיך דאָסמאָל פערנומען בעיקר מיט נאַציאָנאַל־יודישע און אַלגעמיין מענשליכע גייסטיגע פּראָבלעמען. הגם דער הויכשול־אויסשוס איז אַן'אויסגעשפּראָכענע בערופליכע אָרגאַניזאַציע פון דער יודישער סטודענטענשאַפט אין עסטרייך מיט אַ ריינעם ווירטשאַפטליכען אויפגאַבען־קרייז. קיינער וואָלט עס נישט געקאָנט האַלטען פאַר אַן'עולה, ווען די קאָנפערענץ וואָלט זיך אויך איצט, ווי אין די פריהערדיגע יאָהרען, געווען בעשעפטיגט בלויז מיט די שווערע מאַטעריעלע דאגות פון יודישען סטודענט. איז דאָך די לאַגע פון דער יודישער סטודענטענשאַפט אַבסאָלוט נישט בעסער געוואָרען; אַדרבא, די מאַטעריעלע נויט איז שרעקליך געוואַקסען און מען זעהט היינט אפשר נאָך מעהר הונגעריגע, נאַקעטע און באָרוועסע סטודענטען ווי מיט עטליכע יאָהר צוריק. עס ווערט איצט צוגעגרייט אַ סטאַטיסטיק פון יודישען סטודענטען־עלענד אין עסטרייך. וועלכע וועט אָנכאַפּען ביים האַרץ אַפילו דעם גרעסטען אכזר. פון צוויי טויזענד ערצטליך־אונטערזוכטע ווינער יודישע סטודענטען, זענען כמעט צוויי דריטעל טובערקולאָז, אָבער אינמיטען פּראָצעס פון סוכאָטע, מחמת אונטערערנעהרונג, צוזאַמען מיט שלעכטער קליידונג און שוכוואַרג, ווי אויך דורך נאַסע און קאַלטע וואוינונגען. דער יודישער הויכשול־אויסשוס און די יודישע מענסא אַקאַדעמיקא העלפען איבער אַלע כוחות, אַ דאַנק דער בעזונדערער שטיצע

(ווייטער זעה 7־טע זייט)

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבן

נייער פאלקסבלאט

13 מיטוואָך — ג׳ אדר א׳ תרפ״ט

פעברואר

זון-אויפגאנג 6.58
זון-אונטערגאנג 4.43

צוגאָב-פאָבאָר-קאָמיסיע.

(ס) היינט, מיטוואָך וועט אויף פּאָמאָרסקאַ 18, פון האַלב 9 פריה אַמטירען אַ צוגאָב-פּאָבאָר-קאָמיסיע פאַר די, וואָס וואוינען אויפ׳ן שטח פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11-טען פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטען.

וועגען הנחה-בילעטען פאַר אַרבייטער

אויף די צופאהר-טראַמוואיען.

(וו) די לאָדזער אַרבייטער, וואָס וואוינען אין פאבריאניק האָבען געגאָסען פון ספּעציעלע הנחות ביים פאָהרען מיט׳ן טראַמוואי אין איין זייט. זיי האָבען זיך געווענדעט צום פאבריאניצער שטאָט-ראַט, אַז ער זאָל אויס׳פּועל׳ן ביי די צופאָהר-טראַמוואיען דאָס איינפיהרען פון ספּעציעלע הנחה-בילעטען אין ביידע זייטען. דער פאבריאניצער מאַגיסטראַט האָט נעכטען אינטערווענירט וועגען דעם ביי די צופאָהר טראַמוואיען. די דירעקציע האָט געענטפערט, אַז אַן ענליכען ענין האָט איצט צו ערלעדיגען די דירעקציע פון די צופאָהר-טראַמוואיען אין קאַטאָוויץ, און די דעציזיע פון מיניסטעריום וועט זיין גילטיג אויך פאַר לאָדז.

קאנפערענץ וועגען סכסוך אין שחט-הויז,

(מ) נעכטען איז אונטער׳ן פאָרזיץ פון וויצע-פּרעזידענט ראַפּאַלסקי פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די אָנגעשטעלטע אין שחט-הויז מיט דער דירעקציע.

ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען צוצוטרעטען צו אונטערהאַנדלען וועגען אַ קאָלעקטיווען אָפּמאַך. די אָנגעשטעלטע, וואָס האָבען פריהער אַרויסגע-שטעלט אַ פאָדערונג פון 20 פּראָצ. הוספה האָבען די פאָדערונג רעדוצירט ביז אויף 15 פּראָצ. די דירעקציע האָט פאָרגעשלאָגען 10 פּראָצ. אויב מ׳וועט העכערען דעם טאַריף פאַר שחט׳ן.

אַזוי-ווי ס׳איז נישט געקומען צו קיין אויס-גלייך האָט זיך וויצע-פּרעזידענט ראַפּאַלסקי צוריק-געצויגען פון פערמיטלונג.

3 חדשים טורמע פאַר בענוצען זיך מיט פאַלשע פעסער.

(2) דעם 25. אָקטאָבער 1927 האָט מען אין טשעוו פאַרהאַלטען אַ געוויסען איצעק לאַנדאַ און טראַנסרעגער, ביי וועלכע מ׳האָט געפונען געפעל-שטע עסטרייכישע פעסער אויף די נעמען פון יוזעף גאַיער און מאָשעק גאַיער. ביי דער אויס-פאָרשונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז לאַנדאַ און טראַקסרעגער ווילען פאַרלאָזען פוילען און האָבען זיך געשאַפען אין לאָדז פאַלשע פעסער ביי אַ גע-וויסען דודעק שטערנפעלד.

נעכטען זענען זיי אַלע דריי געשטאַנען פאַרן געריכט. ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז שטערנ-פעלד האָט בעקומען אמת׳ע אויסלענדישע פעסער פון די ברידער גאַיער און האָט אין זיי אַריינגע-לעפּט די פאָטאָגראַפיעס פון לאַנדאַ און טראַקס-רעגער. אַלע דריי זענען פערמשפּט געוואָרען אויף דריי חדשים טורמע!

פאַרלעזונגען פון פרוי קלאַץ נישט געהאַלטען געוואָרען.

(–) דער פרויען-פעראיין „וויזא" טיילט מיט, אַז דער פאָרטראַג פון פרוי קלאַץ, וועלכער האָט געזאָלט היינט פאָרקומען אין לאָקאַל פון „וויזא" וועט צוליב טעכנישע סיבות נישט פאָרקומען.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען.

(2) י. פּאַזלאָווסקי (פּיעטריקאָווער 307), ס. האַמבורג (גלובנא 50), ב. גלוכאָווסקי (נאַרו-טאָוויטש 4), שיטקעוויטש (קאָפּערניק 26), א. כאַרעמזאַ (פּאָמאָרסקאַ 10), א. פּאָטאָש פּלאַץ-קאָשטשעלני 10).

די ענערגישע געגען-פראסט-אקציע.

דער פראָסט גיט זיך נאָך, אָבער נישט אונטער.

די כסדר׳דיגע שטייגערונג פון דער טעמפּע-ראַטור אין פערלויף פון דער נאַכט, און אין נעכ-טיגען טאָג איז בעגריסט געוואָרען מיט אַ געפיהל פון פערלייכטערונג.

ס׳האָט אַ בלי ק׳געטון אַ האָפנונג, אַז עס וועט אויסגעמיטען ווערען אַ גרויסע קאַטאַסטראָ-פע, וועלכע ס׳האָט מעדראָהט צוליב דער אמת-סיבירישע קעלטען.

נעכטען אין דער פריה האָט דער טערמאָ-מעטער געוויזען

20 גראד פראסט

און האָט שפּעטער זיך געהויבען ביז 17 גראַד. אַ-זעלכע ווייטערדיגע פרעסט, ווי ס׳זענען געווען עהער-נעכטען, האָבען געדראָהט אַז ס׳זאָל אינגאַנצען אָפּ-שטאַרבען יעטזערע טעטיגקייט.

פערשטעהט זיך, אַז דעם גרעסטען איינדרוק האָבען די קעלטען געמאַכט אין די אַרבייטער-קוואַר-טאַלען. צוליב׳ן גרויסען קויהלען-מאַנגעל האָט מען אין די אַרבייטער-וואוינונגען אָנגעהויבען

צוצוהאַקען בענק, טישען, שטוהלען

און אַנדערע חפצים, כדי צו קענען איינהייצען און אָפּקאָכען אַ לעפעל הייס עסען. צו דעם איז נאָך צוגעקומען דאָס, וואָס צוליב׳ן בעשווערטען צופיהר, האָט אָנגעהויבען צו דראָהען אַ הונגער-געפאַהר. קיין מילכוואַרג איז שוין שווער צו בעקומען אַפילו פאַר גרויס געלד, ס׳האָט אויך אָנגעהויבען אויסצופעהלען פלייש, ווען די געוואַלדיגע פרעסט וואָלטען נאָך אָפּגעהאַלטען עטליכע טעג, וואָלטען מיר געשטאַנען פאַר אַ מאַנגעל אין ברויט.

ווידער אָפּגעפרוירענע איברים.

אין פערלויף פון נעכטיגען טאָג האָט ווידער די פּאָגאָטאָוויע ערטיילט די ערשטע הילף עטליכע צענדליג פערזאָן מיט אָפּגעפרוירענע הענד און פיס. די פאַלען פון אָפּפרירען ווערען אָבער קלע-נער, ווייל צוליב די עטליכע פרעסטיגע טעג האָט די בעפעלקערונג זיך שוין אויסגעלערנט צו פער-היטען פון נישט-געוואונשענע אומאַנגענעהמליכקייטען.

פאָסט אַרבייט נישט נאָרמאַל.

דער פאָסט-אַמט אַרבייט נישט נאָרמאַל צוליב דער גרויסער פערשפּעטיגונג פון די צוגען ווערען נאַטירליך אויך מיט גרויס פערשפּעטיגונג צוגע-שטעלט די בריף.

אָפּגעשטעלט פיל צוגען.

די באַהן-מאַכט טיילט מיט, אַז זי בעזיצט אַ גענויענערען דאַטאַס קויהלען און קיין ווייטערדיגע רעד-רוקציע פון די צוגען, אַ חוץ די, וועלכע זענען דער-ווייל אָפּגעשטעלט געוואָרען, וועלען נישט פאָרקומען.

אַ גאַנצע רייה צוגען זענען נעכטען און עהער נעכטען אינגאַנצען נישט אָנגעקומען קיין לאָדז. עס זענען אויך אָפּגעשטעלט געוואָרען עטליכע צוגען, וואָס געהען פון לאָדז קיין ווארשא. נעכטען אינ-דערפריה איז נישט אַרויסגעגאַנגען קיין וואַרשא דער שנעל-צוג, וואָס געהט אַרויס פון לאָדז 7 מיט 20 מינוט פריה. דער ראַזינער צוג איז דער-ווייל אינגאַנצען אָפּגעשטעלט געוואָרען. ס׳איז אויך אָפּגעשטעלט געוואָרען דער צוג קיין וואַרשא, וואָס געהט אַרויס פון קאַלישער וואָקזאַל 1 אַ זייגער מיט 15 מינוט, ווייטער איז אויך אָפּגעשטעלט געוואָרען דער צוג קיין וואַרשאַ, וואָס געהט אַרויס פון פאַב-ריקס-וואָקזאַל 2 אַ זייגער מיט 15 מינוט.

דאָס זעלבע איז אויך מיט די צוגען, וואָס געהען פון וואַרשאַ קיין לאָדז. נעכטען איז נישט אָנגעקומען קיין לאָדז דער צוג פון וואַרשאַ 10 אינדערפריה און דער שנעל-צוג, וואָס קומט קיין לאָדז פון וואַרשאַ 8 מיט 50 מינוט אין אָוונט.

אויף דער ליניע לאָדז—פּוזען איז אָפּגעשטעלט געוואָרען דער צוג, וואָס געהט אַרויס פון לאָדז 9 מיט 56 מינוט אין אָוונט. אויף דער ליניע לאָדז—קאַלושקי זענען אויך אָפּגעשטעלט געוואָרען עטליכע צוגען.

די בעוועגונג אויף דער באַהן איז בכלל זעהר אַ קליינע.

טעלעפאנען.

די טעלעפאָן-סטאַציע האָט בעוויזען צו רעפּאַ-רירען די בעשעדיגטע שטעטישע טעלעפאָנען און אויך די צווישען-שטעטישע, אַזוי אַז די טעלעפאָ-נען האָבען שוין נעכטען כמעט נאָרמאַל פונקציאָ-נירט. עס זענען נאָר נישט טעטיג די פערבינדונג מיט קאַטאָוויץ, דאַנציג און טאָרן.

איינגעהייצטע צימערען פאַר שול-קינדער.

דאָס שול-קוראַטאָריום האָט פעראָרדענט, אַז די שולען זאָלען ווייטער זיין געשלאָסען. אין דער פעראָרדנונג ווערט אָבער אויך געזאָגט, אַז אין יעדער שול זאָלען בעהייצט ווערען 2 קלאַסען פאַר די קינדער, וואָס פריהרען אינדערהיים, כדי זיי זאָ-לען קענען קומען זיך אָנוואַרימען.

באַד-אַנשטאַלטען פערמאַכט.

צוליב די הערשענדע פרעסט זענען געשלאָ-סען געוואָרען אַלע שטעטישע באַד-אַנשטאַלטען.

אנגעקומען קויהלען קיין לאָדז.

נעכטען זענען אָנגעקומען קיין לאָדז גרויסע טראַנספּאָרטען קויהלען: פאַר דער אינדוסטריע 100 וואַגאָנען, פאַר פריוואַטע אָפּנעהמער 52 וואַגאָ-נען, פאַר דער גאַזאָניע 3 וואַגאָנען, פאַר דער טראַמוואַי-געזעלשאַפט 2 וואַגאָנען, פאַר׳ן מאַגיסט-ראַט 1 וואַגאָן.

ווי מיר האָבען שוין געשריבען, איז אין דער וואָיעוואָדזטווע געשאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וועלכע דאַרף זיך פאַרזעהען מיט בעזאָר-גען לאָדז מיט קויהלען. נעכטען האָט די קאָמיסיע אָפּגעהאַלטען אַ זיצונג אונטערן פאָרזיץ פון ד״ר גראַבאָווסקי. ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז נעכטען זענען אָנגעקומען 200 וואַגאָנען קויהלען, און, אַז אויך ווייטער וועלען אָנקומען נייע טראַנס-פּאָרטען.

ווי מיר דערוויסען זיך, האָט די באַהן מאַכט אָפּגעגעבען צו דער דיספּאָזיציע פון מאַגיסטראַט אַ געוויסע צאָהל קויהלען צו פערטיילען צווישען דער אָרימער בעפעלקערונג.

שרפות צוליב די פרעסט.

די פייערלעשער האָבען געאַרבייט כמעט אָהן אויפהער, צוליב׳ן וואַרימען פון די רויהרען ווענען עהערנעכטען און נעכטען נאָטירט געוואָרען אַרום 12 שרפות.

פון גרעסערע איז כדאי צו נאָטירען די שרפה אויף וושעשינסקאַ 40, אויף גדאַנסקאַ 61, אויף אָגראָדאָוואַ 42 און זשעלאַזנאַ 47.

„קויהלען-כאַפּערס"...

(וו) נעכטען איז אויף זאַכאָדניאַ גאַס פאָר-געקומען פאָלגענדער זעהר כאַראַקטעריסטישער פּאָרפאַל. אַרום 9 אַ זייגער אין דער פריה איז דאָרט אַדורכגעפאָהרען אַ פוהר פערדעקט מיט פּלאַכטעס. פּלוצלונג איז פון דער פוהר אַרויסגעפאַלען אַ שטי-קעל קויהל. דאָס האָבען בעמערקט די דורכגעהער, וועלכע האָבען פערהאַלטען די פוהר און פערלאַנגט, אַז מ׳זאָל זיי פערקויפען די קויהלען, ווען דער פוהרמאַן האָט ערקלערט, אַז די קויהלען זענען נישט זיינע, נאָר זענען בעשטימט פאַר אַ געוויסער פירמע, איז דער המון אָנגעפאַלען אויפ׳ן פוהרמאַן און איהם שמאַרק צושלאָגען. ערשט אַ פּאָליציאַנט האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם פאָרפאַל.

אַן אומגליקספאַל.

(וו) אין שטעטעל בלאַשקי איז געשעהען פאָל-גענדער שרעקליכער פּאָרפאַל: אַ געוויסער זילבער-שפּיץ איז געקומען צופאָהרען פון קאַליש און איז געגאַנגען אַ וויאָרסט צופוס צו זיינעם אַ קרוב. ווען זילבערשפּיץ איז אַריינגעקומען אין שטוב און האָט זיך אָנגעהויבען צו רייבען די אָפּגעפרוירענע אויע-רען, זענען איהם ביידע אויערען אַראָפּגעפאַלען. זילבערשפּיץ׳ן האָט מען אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

ווי אַזוי האָט אויסגעזעהען אין די פריהערדיגע יאָהרען.

ווי די מעטעראָלאָגישע סטאַציע גיט איבער, איז דעם 13 פעברואַר זייט דעם יאָהר 1918 די טעמפּעראַטור געווען פאָלגענדע:

1918	0,3	גראַד וואַרימקייט
1919	„ 1,9	קעלט
1920	„ 0,3	וואַרימקייט
1921	„ 0,1	קעלט
1922	„ 5,7	„
1923	„ 6,7	„
1924	„ 6,5	„
1925	„ 6,8	וואַרימקייט
1926	„ 5,6	„
1927	„ 2,2	קעלט
1928	„ 0,4	וואַרימקייט

די בוי-אַרבייטען פון דער שטאָט.

זיצונג פון בוי-קאָמיטעט פאַר די אַרבייטער-הייזער.

(מ) אונטער׳ן פאָרזיץ פון וויצע-פּרעזידענט ראַפּאַלסקי און לאַזניק איז נעכטען פאָרגעקומען אַ זיצונג פון קאָמיטעט צו בויען די אַרבייטער-הייזער. ס׳איז בעטראַכט געוואָרען אַ רייה פראַגען וואָס זענען פערבונדען מיט׳ן אויסנוצען די קאָלאָניע אויף קאָנסטאַנטינער פּאָלעסיע און אויפשטעלען די געביידעס פון עפענטליכען געבראַוך וואָס זענען לויט׳ן פּלאַן פאָראויסגעזעהן. ס׳איז געגומען געוואָרען צו קענטניש דער פּראָיעקט פון דער קאָמיסיע וועגען די אָנגענומענע 20 הייזער אין רוזהע-צושטאַנד און ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען צו געבען די אונטערנעהמער 14 אַרבייט-טעג אויף אויסצובעסערען די פעסטגעשטעלטע פעהלערען און 30 אַרבייט-טעג אויף אויפצושטעלען די אינעווייניגסטע ווענטלעך.

נאָכדעם האָט דער קאָמיטעט אָנגענומען דעם פּלאַן פון די עפענטליכע אינסטיטוציעס: 2 שולען (פאַר יונגלעך און פאַר מיידלעך), אַ באָד, אַ צענ-טראַלע וועשעריי, אַ פאָלקס-הויז, אַמבולאַטאָר-יום, יונגלינג-היים, „טראָפּען מילך", אַ פּאָסט-אָפּ-טיילונג. ביי דער שולע זאָל איינגעאָרדענט ווערען אַ גרויסער ספּאָרט-פּלאַץ, וועלכער זאָל ווינטער פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ גליטש. אַ חוץ דעם זאָל אויסגעבויט ווערען אַ באַסיין פאַר קליינוואַרג פאָנטאַנען און קלאָזעטען. ס׳זאָלען אויך איינגע-אָרדענט ווערען טעלעפאָן-אויטאָמאַטען. דער בוי-קאָמיטעט האָט שוין די פּלענער פון די געביידעס בעשטעטיגט. ס׳איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָ-רען די ברייט פון די גאַסען, און ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען אויספלאַסטערען די טראָטואַרען מיט בעט-טאָן-פּליטעס און די גאַסען מיט אַספאַלט.

נאָך אַ דיסקוסיע איז בעשלאָסען געוואָרען איינצופיהרען צענטראַל-בעהייצונג און צום סוף זע-נען אָנגענומען געוואָרען אַ רייה פאָרמעל-טעכנישע בעשלוסען וועגען וואַסער-לייטונג. די אַלע בעשלוסען דאַרפען נאָך בעשטעטיגט ווערען פון מאַגיסטראַט.

אָסקאַר קאָהן אַרויסגע-פאָהרען קיין אויסלאַנד.

(–) ווי מיר דערוויסען זיך, איז נאָך די טראַגישע איבערלעבענישען, צוליב׳ן טויט פון זיין זוהן, דער פּרעזעס אָסקאַר קאָהן צוזאַמען מיט זיין פרוי אַרויסגעפאָהרען אויף אַ האַלב יאָהר קיין אויסלאַנד.

די דאָזיגע רייזע זאָל אויך שטעהן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פערווירקליכונג פון דעם פּראָיעקט אויסצובויען אַ גרויסע שפּינעריי אין ארץ-ישראל.

א פאַבריק-שרפה.

(–) אין דער שפּינעריי פון וואָלמאַן און קאָמפּ. (שענקעוויטשאַ 75) איז אויסגעבראָכען אַ שרפה. דאָס פייער האָט באַלד אַרומגעכאַפּט די גאַנצע געביידע. די אַרויסגערופענע פייערלעשער האָבען אָנגעהויבען די רעטונגס-אַקציע, און ס׳איז זיי גע-לונגען נאָך אַנדערטהאַלבען שעה צו לאָקאַליזירען די שרפה. ס׳האָט אָפּגעברענט דער גאַנצער פאַר-טער, דער דאַך איבער דער שפּינעריי און 3 גרעמפּעל.

בעריכטיגונג.

(–) אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאָטיץ אין נעכטיגען נומער פון אונזער צייטונג א. נ.: „עקס-מיטירט אַ יודישע פאַמיליע" בעט מען אונז פעסט-צושטעלען, אַז די עקסמיסיע האָט אַרויסגעקריגען דער לאָקאַטאָר פונ׳ם הויז מאַרקאָוויטש אויף זיין סובלאָקאַטאָר פאַסטערנאַק.

די ווירטען פון הויז ה״ה ריכטער און פאָל-קע האָבען מיט דער עקסמיסיע גאָרנישט צו טון.

א משפט איבער א ביגאַמיסט.

(2) מרדכי רינקאָווסקי האָט חתונה געהאַט אין 1913 י. ווען ס׳האָט אויסגעבראָכען דער קריג איז ער פערוואָרפען געוואָרען אין דייטשלאַנד, און דאָרט האָט ער זיך אין 1921 יאָהר פערליבט אין אַ דייטשקע, אָנגענומען דעם לוטעראַנישען גלויבע, און מיט איהר חתונה געהאַט. זיין ערש-טער ווייב האָט ער וועגען דער צווייטער חתונה גאָרנישט מיטגעטיילט. ער האָט זיך אָבער, ווהעט אויס, פערבענקט נאָך לאָדז, איז אַהער געקומען, און זיך בעזעצט מיט זיין נייער פרוי אויף אָבי-וואַטעלסקאַ 2.

רחל שקאַמאַניטש, זיין ערשטע פרוי, האָט זיך דערוואוסט וועגען זיין אָנקומען קיין לאָדז און געמאַכט איהם אַ בעזוך. דאָרט האָט זי זיך אָבער געטראָפען מיט איהר קאָנקורענט׳ן, און צווישען זיי איז ענטשטאַנען אַ סכסוך פאַר׳ן מאַן, וועלכען יעדע פון זיי האָבען געהאַלטען פאַר איהר. דער פינאַל האָט זיך נעכטען אָפּגעשפּילט אין היגען קרייז-געריכט. רינקאָווסקי, וועלכער איז אָנגעקלאָגט געוואָרען פאַר ביגאַמיע, האָט זיך פערענטפערט, אַז ער האָט געשריבען פיל מאָל צו זיין פרוי, נאָר אַזוי-ווי זי האָט איהם נישט געענטפערט, האָט ער גערעכענט, אַז זי איז געשטאָרבען, און ער האָט דערפאַר חתונה געהאַט צום צווייטען מאָל.

דאָס געריכט האָט איהם פערמשפּט אויף 6 חדשים תפיסה.

50000 זלאַטעס ווערען באַלד פערטיילט

וועגן נאָך 50,000 וועט מען זיך משתדל זיין אין וואַרשא

נעכטיגע זיצונג פון קהלה-פערוואַלטונג וועגן דער קוילען-אַקציע

אויף נעכטען 9 אַ זייגער אין אָוענד איז גע־רופען געוואָרען אַ דרינגענדע זיצונג פון דער קהלה־פערוואַלטונג, כּדי ענטגילטיג צו ערלעדיגען דעם ענין פון דער קוילען־אַקציע פאַר דער אָרימער יִדישער בּעפעלקערונג.

לויט אַ פערשטענדיגונג צווישען די פראַקציעס איז פאַר דער דאָזיגער זיצונג געמאַכט געוואָרען אַן אויסנאַהם און די פרעסע־פאָרשטעהער איז ער־לויבט געוואָרען צו זיין אַנוועזענד בּעת דער זיצונג.

די זיצונג עפענט פּרעזעס מינצבּערג, וועלכער ווייזט אָן, אַז די זיצונג איז גערופען געוואָרען אין הסכּם מיטן בּעשלוס פון דער סאָציאַלער הילפס־קאָמיסיע, אַז אין פערלויף פון 3 טעג זאָל די קהלה־פערוואַלטונג בּעשליסען אַדורכצופיהרען די אַקציע דורך פערטיילען קוילען, אָדער וועגן דאָס איז נישט מעגליך פערטיילען געלד־אונטערשטיצונג.

לויטן בּעריכט, וואָס פּרעזעס מינצבּערג האָט אָנגעגעבּען, ווייזט זיך אַרויס, אַז די פּריוואַטע קוילען־הענדלער האָבּען נישט געוואָלט געבּען קיין שום גאַראַנטיעס, אַז זיי וועלען קענען אין די נאָהענטסטע טעג צושטעלען דעם געהעריגען סכום קוילען, וואָס שייך די אינטערווענצען בּיי דער מאַכט און מאַגיסטראַט וועגען קוילען זענען אויך נישט פער־האַן קיין איבּעריג גוטע אויסזיכטען. דער מאַגיסט־ראַט האָט צוגעזאָגט אויף היינט צוצושטעלען אַ וואַגאָן קוילען. קיין ווייטערע הבטחות זענען אָבּער אויך נישט פערהאַן. די פערוואַלטונג דאַרף דעריבּער בּעשליסען ווי אַזוי צו האַנדלען.

דאָס ערשטע וואָרט אין דער דיסקוסיע האָט גענומען

פּרנס זעלמאַנאָוויטש (בּונד)

וועלכער האַלט אַ שאַרפע און ליידענשאַפטליכע רעדע. ער ווייזט אָן, אַז נאָך מיט 10 וואָכען צוריק האָט ער אַריינגעטראָגען אַ שריפטליכען פאָרשלאַג וועגען אַדורכפיהרען אַ קוילען־אַקציע אַזוי ווי יעדעס יאָהר. די פערוואַלטונגס־מעהרהייט האָט זיך אויף דעם אַפילו נישט אומגעקוקט. נאָכדעם ערשט ווי פּרנס ציטרינאָווסקי האָט אַריינגעטראָגען דעם פאָרשלאַג מיט אונטערשריפטען, האָט דער פּרעזעס בּעוויליגט די פראַגע אַוועקצושטעלען אויף דער טאָג־אָרדנונג. דער פּאָרזיצער האָט דעמאָלט אָנגעווענדעט פערשידענע תּירוצים, כּדי

דעם ענין צו פערשלעפּען,

אַרגומענטירענדיג זיין שטעלונג דערמיט, וואָס אין מיניסטעריום ערלויבּט מען דער קהלה צו געבּען אויס־צוגעבּען 25 טויזענד זלאָטים! ערשט נאָכ'ן שטורם פון די אַרבּייטער־פאָרשטעהער אין דער קהלה־פערוואַלטונג, ערשט נאָכדעם ווי די פערוואַלטונג האָט מורא בּעקומען פאַר דער אָרימקייט, וואָס שטעהט הינטער די פּלייצעס פון די דערמאָהנטע פאָרשטעהער, איז געצוואונגען געוואָרען די פערוואַלטונג צו בּעשטימען אויף דעם צוועק

די נישטיגע סומע

פון 50 טויזענד זלאָטים, אָבּער דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבען דער ריין־פּערזענליכער קאַמף צווישען צוויי הקיפים: דעם פּרעזעס פון דער קהלה־פערוואַלטונג און פּרעזעס פון קהלה־ראַט. צוויי וואָכען האָט מען אַראָפּגעריסען אונטער דעם אויסרייד פון נישט וועלען געבּען קיין וואָרט דעם פּרעזעס מינצבּערג. אַזוי אַרום איז דער ענין אָפּגעשלעפּט געוואָרען אַ לאַנגע צייט און די פּרנסים האָבּען זיך גאָרנישט געמאַכט פון דער נויט אין דער שטאָט און איז בּאַלוט, אויף דעם הונגער און קעלט פון די עלענדע מאַסען.

ערשט אויף דער דריטער זיצונג, — זאָגט ווייטער ה' זעלמאַנאָוויטש — האָבּען די אַרבּייטער־פאָרשטעהער גענומען אויף זיך דאָס צווייפעלהאַפטע פערגעניגען זיך

אוועקצושטעלען בּיי דער טיר

און נישט געלאָזען די „אַגודה“־דאָזאָרעס אַראָפּ־רייסען דעם קוואָרום, און האָט שוין דער ראַט אָנגע־נומען דעם בּעשלוס וועגען אַסיגנירען אויף דער קוילען־אַקציע 100 טויזענד זל., האָט די פערוואַל־טונג דעם בּעשלוס אַנולירט. און ס'האָט זיך אָנגע־הויבּען אַ סדרה פון שיקען אין קאָמיסיע און צו־ריק אין דער פערוואַלטונג און ווידער איז דער ענין פערשלעפּט געוואָרען.

איצט האַנדעלט זיך וועגען דער פראַגע פון פונאַנדערטיילען געלד אָדער קוילען. הגם די שטעלונג פון דעם רעדנער איז, אַז מ'דאַרף

פונאַנדערטיילען פּראָדוקטען

און נישט קיין געלד, ווייל ער האָט נישט קיין צו־טרוי צו דער פערוואַלטונג בּיים טיילען געלד, איז אָבּער נישטאָ קיין אַנדער עצה און די הילף מוז שנעל קומען, ווייל ס'איז נישט אמת די בּעהויפּ־טונג, אַז דער פראָסט איז פאַר אַלע גלייך. בּיי די קוילען־פּלעצער, וואו מ'שלאָגט זיך וועגען אַ שטי־קעל קוילן,

זעהט מען נישט קיין מענשען מיט שאַפּען־פּעלצען

און קאַראַקול־זשאַקעטען, נאָר אָרימע, האַלב־נאַ־קעטע קינדער, וואָס האָבּען איבּערהויפּט געלאָזען האַלב־פרישטע אָדער נאָר שוין האַלב טויטע קינדער צו דער אומגעהויערער קעלט.

קאָנקרעט לעגט דער רעדנער פאָר צו רעזאָלווי־רען דעם בּעשלוס פון דער קהלה־פערוואַלטונג אויף דעם אופן, אַז אַנשטאָט 50 טויזענד זלאָטים זאָל בּעשטימט ווערען 100 טויזענד זלאָטים. דער אויס־רייד, אַז ס'איז נישט פערהאַן קיין געלד איז נישט אמת, ווייל די קהלה האָט ערשט נישט לאַנג בּעקומען

אַ גרויסע נישט פאָראויסגעזעהענע סומע.

די מעהרהייט האָט אָבּער דאָס געלד פערכאַפּט און דערפאַר געקויפט אַ פּלאַץ פאַר אַ מקוה, דאָס וועט בּלייבּען אַן איבּעריגער שאַנד־פלעק אויף דער לאָדזשער קהלה, פאַר דעם געלד האָט מען געדאַרפט העלפען די, וואָס ליידען פון דער פראָסט־מגפה.

כּדי די הילף זאָל קומען שנעל לעגט דער רעד־נער פאָר, אַז מ'זאָל פערטיילען געלד און דער אָרימאַן וועט זיך כאָטש קענען קויפען אַביסעל האָלץ.

פּרעזעס מינצבּערג מאַכט אויפמערקזאַם, אַז מ'דאַרף איצט אָננעמען בּעשלוסען און נישט האַל־טען קיין דרשות.

פּרנס ציטרינאָווסקי (פּועלי־ציון)

האַלט דאָן אויך אַ זעהר שאַרפע רעדע, אין וועל־כער ער זאָגט: זייט 10 וואָכען רעדט מען וועגען דער קוילען־אַקציע און די אַגודה'ישע פראַקציע האָט זיך נאָך נישט געקענט רעזאָלווירען צו קיין מעשים. מיר ווייסען גענוי, אַז די „אַגודה“ איז פעהיג שנעל אַדורכצופיהרען זאַכען, וואָס זענען אין איהר געשמאַק. אין פערלויף פון 2 טעג האָט מען בּאַוויזען, צו פערמעקלען, קויפען, קאָנטראַקטירען און פערשאַכלעווען 45 טויזענד זלאָטים אויף אַ פּלאַץ פאַר אַ מקוה. דעמאָלט האָט די „אַגודה“ נישט גע־זאָגט, אַז די אָפּאָזיציע שטערט איהר אין דער אַר־בּייט. זי האָט זיך געטון דאָס איהריגע און געהערט די אָפּאָזיציע ווי דעם פאַראַיאָהריגען שניי. איצט, ווען ס'האַנדעלט זיך וועגען אַ הילפס־אַקציע פאַר דער אָרימער בּעפעלקערונג, מאַכט די אַגודה אַ גרוים פּנים'ל און שרייט, אַז די אָפּאָזיציע שטערט איהר אַדורכצופיהרען די אַקציע.

מ'דאַרף נישט מיינען, אַז די מאַסען זענען אומ־ענדליך געדולדיג.

דאָס געדולד קאָן אַמאָל פּלאַצען,

עס ווערט אָנגעצונדען אַן אומגעהויערע עולה דער לאָד־זשער אָרימקייט.

איך, ערקלערט דער רעדנער, זאָג אָפען, אַז מיר איז איצט אַ חרפּה צו זיין אַ דאָזאָר, צו זיצען צוזאַמען מיט אַזאַ פערוואַלטונג. קיין מניעה אין געלד איז נישט פערהאַן, האָט ערשט די פערוואַל־טונג בּעקומען 10 טויזענד דאָלאַר פאַר אַ קרקע און ווידער 20 טויזענד זלאָטים. דער בּעשלוס פון ראַט וועגען 100 טויזענד זל., איז דורך דער פערוואַלטונג געפּאַלמעסט געוואָרען אויף אַ העלפט.

די „פּועלי־ציון“־פראַקציע האָט שוין געהאַט בּע־שלאָסען צו רופען אַ מיטינג פון דער אָרימער בּעפעלקערונג און מיטטיילען, אַז די פראַקציע טוט אַלצדינג, כּדי צו העלפען די אָרימע מאַסען עס זענען פערהאַן אָבּער אַוועלכע, וואָס דערלאָזען נישט דערצו. די מאַסען וואָלטען דאַן גענומען זייער גורל אין די אייגענע הענד און דעמאָלט וואָלט געווען פיל ערגער פאַר דער קהלה־מעהרהייט.

דער רעדנער ווענדעט זיך צום בּונדישען פאָר־שטעהער זעלמאַנאָוויטש און זאָגט:

— מיר זענען דאָ

די בּליק־אַפּלייטער

פון דער „אַגודה“. די מאַסען ווייסען, אַז מיר פער־טרעטען זיי דאָ. אָבּער פאַקטיש זענען מיר גאָרנישט אימשטאַנד צו טון.

דער רעדנער לעגט פאָר צו העכערען די אונ־טערשטיצונגס־סומע פון 50 אויף 100 טויזענד זלאָטים, אויף צוזאָמענגס זאָל גערופען ווערען אַ קאָנפערענץ מיט די אינסטיטוציעס, וועלכע וועלען די אונטערשטיצונג פערטיילען און שוין אויפ'ן אַנ־דערען טאָג זאָל פאָרקומען די געלד־פערטיילונג.

פּרנס בּזשעזשינסקי (ציוניסט)

האַלט, אַז עס מוזען אויפהערען די פּאַרטיי־רייסע־נישען, וועלכע שטעהען אין דער פערוואַלטונג הע־כער ווי די אינטערעסען פון דער אָרימער בּעפעל־קערונג. ס'קען נישט זיין קיין רייד וועגען פערווענ־דען אויף דער אַקציע ווייניגער ווי 100 טויזענד זל. עטאַפּ ווערט אויך גענומען, 5־פאַכיג ווי פאַראַיאָה־רען. די „אַגודה“ רעקט זיך מיט דעם, וואָס די מאַכט וועט נישט דערלאָזען אויסצוגעבּען אויף דער הילפס־אַקציע מעהר ווי 50 טויזענד זל.

ס'דאַרף נאָר זיין דער גוטער ווילען

דערצו און די זאַך קען אַדורכגעפיהרט ווערען. די „אַגודה“ האָט געקענט די קונץ פון איינרעדען אַלעמען, אַז זי קויפט דעם פּלאַץ אויף דער מקוה אַלס מציאה, ס'ווייזט זיך אָבּער אַרויס, אַז ס'איז בּכלל נישט קיין גרויסע מציאה, ווייל ס'וועט קאָס־טען עטליכע צעהנדליג טויזענד זלאָטים בּיז מ'וועט דאָרט קענען אַרויסציהען וואַסער, ווייל דער בּאָ־דען איז אַ שטיינינגער.

פּרנס רוּס האַלט, אַז מ'קען געפינען אַ יורידישען מאָטיוו אויסצוגעבּען 100 טויזענד זלאָטים אויף דער קוילען־אַקציע, הגם ס'איז אין בּודזשעט נאָר פערהאַן אַ סומע פון 50 טויזענד זל. בּיי אַנ־דערע ענינים איז די „אַגודה“ אויך נישט אַזוי שטאַרק מדקדק וועגען דער רעכטליכער זייט, וואָס שייך דער פראַגע וועגען דער פונאַנדערטיילונג, לעגט דער רעדנער פאָר, אַז מ'זאָל קודם כּל שוין אָנהויבּען פונאַנדערצוטיילען מאַזאָגע. אויב אין פערלויף פון 8 טעג וועט מען נישט קענען אויך די טאַלאָנען אַרויסגעבּען קיין קוילען, זאָל מען די בּעזיצער פון די טאַלאָנען אַרויסגעבּען די ענטשפּרעכענדע סומע געלד.

פּרעזעס מינצבּערג

ווייזט אָן, אַז דער ענין פון דער קוילען־אַקציע איז דורך דעם קהלה־פּרעזידיום נישט פערהאַלטען געוואָ־רען און איז נאָרמאַל איבּערגעשיקט געוואָרען פון איין אינסטאַנץ צו דער צווייטער, ס'איז נישטאָ קיין פראַגע וועגען פונאַנדערטיילען קוילען אָדער געלד. עס האַנדעלט זיך נאָר וועגען דעם, אַז די קהלה־פערוואַלטונג

האָט נישט קיין רעכט

צו בּעשטימען מעהר ווי 50 טויזענד זלאָטים, ווייל אַזוי פיל זעהט פאָר דער בּודזשעט. נאָכמעהר דערפאַר, וואָס אין מיניסטעריום האָט מען דירעקט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער דאָזיגער פּאָזיציע. די „אַגודה“ שטיצט אונטער דעם פאָרשלאַג וועגען הונדערט טויזענד זלאָטים בּתנאַי, אַז די, וואָס פערלאַנגען דאָס, וועלען אויסווירקען בּיי דער מאַכט אַן ערלויבּניש די דאָזיגע סומע אויסצוגעבּען.

פּרעזעס מינצבּערג טרעט שאַרף אַרויס געגען די אונפּאַרטייאישע און ציוניסטען, וועלכע זענען היינט געגען דעם קויפען פון פּלאַץ אויף דער מקוה, בּעת זיי האָבּען געגעבּען דערויף זייער איינ־שטימיגע הסכּמה, איבּעריגענס, זאָלען די דאָזיגע אָפּאָזיציאָנערען איצט זאָגען, אַז זיי ווילען פערקוי־פען דעם פּלאַץ און די קהלה וועט פערדינען בּיי דעם דאָזיגען משא ומתן 20 טויזענד זלאָטים.

דער מקוה־פּלאַץ, זאָגט דער פּרעזעס, האָט נישט צוגענומען קיין געלד פון דער קוילען־אַקציע. מ'דאַרף איינס מיט דעם אַנדערען נישט מישען. איך ערקלער, אַז געלד אויף דער קוילען־אַקציע וועט זיין. ווי ערנסט דער ראַט האָט בּעהאַנדעלט די קוילען־אַקציע קען מען זעהן דערפון, וואָס ער האָט געגעבּען דער פערוואַלטונג דאָס רעכט צו שרייבּען וועקסלען אויף אַ בּעשטימטע קאָמיסיע, וועלכע זאָל ערלויבּען די וועקסלען אונטערצושרייבּע די פערוואַלטונג האָט דעריבּער

רעזיגנירט פון רעכט

אונטערצושרייבּען די וועקסלען. ווי אַזוי קען זיין אַ האַרמאָנישע אַרבּייט מיט'ן ראַט, אַז דער פאָרזי־צענדער פון ראַט האָט גערדראָהט דער בּאַנק, מיט וועלכער די קהלה שטעהט אין פערבּינדונג, אַז ער וועט דער בּאַנק צוריקציהען די קרעדיטען פון „בּאַנק־פּאָלסקי“, אויב די וועקסלען פון דער קהלה וועלען דיסקאָנטירט ווערען. דער זעלבּער פאָרזיצענדער האָט אויך ערקלערט, אַז די נייע קהלה־פערוואַלטונג וועט אַנולירען די וועקסלען פון דער איצטיגער פערוואַלטונג.

דער פאָרוואורף, אַז איצט ווערט גענומען 5־פאַכיג אַזוי פיל עטאַט ווי פאַראַיאָהרען שטימט נישט מיט'ן אמת, דער פאַראַיאָהריגער בּודזשעט בּעטרעפט 800 טויזענד זלאָטים און דער הייאָה־ריגער — 1 מיליאָן 200 טויזענד. פּרעזעס מינצ־בּערג לעגט פאָר, אַז 50 טויזענד זלאָטים זאָלען תּיכּף צוטיילט ווערען און די צווייטע 50 ערשט דע־מאָלט ווען ס'וועט אָנקומען די געהעריגע ערלויבּניש.

ווייצע־פּרעזעס בּערגער זאָגט, אַז קיינער גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבּון פון דער אמת'ער לאַגע. ווען מ'זאָל איצט אָננעמען אַ בּעשלוס וועגען פונאַנדערטיילען 100 טויזענד זלאָטים מיטאַמאָל וואָלט מען געדאַרפט וואַרטען בּיז דער בּעשלוס וועט בּעשטעטיגט ווערען דורך אַלע מלוכה־אינסטאַנצען, ווייל דער בּודזשעט ערלויבּט דאָס נישט, די פערטיילונג וואָלט געקענט פאָרקומען ערשט אום זומער.

מ'דאַרף פערטיילען 50 טויזענד זלאָטים. וועגען די צווייטע 50 טויזענד זלאָטים האָט דאָך שוין די קהלה זיך בּעמיהט און דער ענין געפינט זיך דאָך שוין אין וואַרשאָ. די איצטיגע קהלה־מעהר־הייט קען דאָך נישט אויף אייגענע אַחריות מאַכען קיין אויסנאַהמען פון 50 טויזענד זלאָטים, בּעת דער פּרעזעס פון קהלה־ראַט הייסט בּעצאָהלען פון איי־גענער קעשענע, אויב ס'ווערט איבּערגעשריטען אַ פּאָזיציע מיט 5 זלאָטים. מ'דאַרף אויפהערען מיט דעמאָנסטראַציעס און תּיכּף אָנהויבּען פונאַנדער־טיילען 50 טויזענד זלאָטים אין קוילען אָדער געלד.

פּרנס נ י מ אַ ן לעגט פאָר צו העכערען די סומע אויף 100 טויזענד זלאָטים. אמת, אין בּודזשעט איז נישט פערהאַן אַזאַ סומע, אָבּער ווען ס'וועט זיין אַן'איינשטימיגער בּעשלוס פון דער פערוואַלטונג וועט די מאַכט דאָס נישט קוועסטיאָנירען. איבּרי־גענס, האָט די מאַכט רעדוצירט די סומע אויף דער קוילען־אַקציע מיט דער פערשטענדיגונג פון פּרעזעס מינצבּערג.

פּרעזעס מינצבּערג ערקלערט, אַז

דאָס איז אַ ליגען

אויב דאָס וועט זיך אַרויסווייזען פאַר אמת וועט ער טראָגען אַלע קאָנסעקווענצען בּיז'ן אָפּזאָגען זיך פון פּרעזעס־אַמט. אויב אָבּער דאָס וועט זיך אַרויס ווייזען אַלס נישט־אמת, וועט פּרנס נייטאַן מוזען טראָגען אַלע קאָנסעקווענצען.

ווייצע־פּרעזעס בּערגער לעגט פאָר, אַז דער פּרעזעס פון קהלה־ראַט סענאַטאָר בּורזינער זאָל זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר די צווייטע 50 טויזענד זלאָטים, אויב די מאַכט וועט זיי נישט בּעשטעטיגען. דעמאָלט וועט די „אַגודה“ אויך שטימען פאַר 100 טויזענד זלאָטים.

פּרנס זעלמאַנאָוויטש קוואַליפיצירט די האַנד־לונג פון פּרעזעס מינצבּערג אַלס צביעות'דיגע, ווייל די זעלבּע פאָרשלאַגען וואָס דער פּרעזעס גיט היינט, האָט ער נישט געלאָזט אַפילו אָפּשטימען אויף דער זיצונג פון דער סאָציאַלער הילפס־קאָ־מיסיע.

די אָפּשטימונג (איינשטימיגע בּעשלוסען) גיט פאָלגענדע רעזולטאַטען:

1) פערטיילען געלד און נישט וואַרטען אויף קיין קוילען.

2) תּיכּף פונאַנדערטיילען 50 טויזענד זלאָטים

3) תּיכּף זאָל אַוועקפאָהרען אַ דעלעגאַציע קיין וואַרשאָ, וועלכע זאָל זיך בּעמיהען וועגען אַן'ער־לויבּעניש אויף פונאַנדערטיילען נאָך 50 טויזענד זלאָטים. די דעלעגאַציע זאָל בּעשטעהען פון פּרעז־עס פון קהלה־ראַט בּורזינער און די פּרנסים רוּס און ניימאַן (פאָרשלאַג פון פּרנס זעלמאַנאָוויטש).

* * *

פאַראַיאָהרען האָבּען זיך צו דער קוילען־אַקציע רעגיסטרירט 6429 פּערזאָן, אויך הייאָהר ראָלען אויך זיי ניי זעלבּע צאָהל וועט אויסקומען אויף יעדער פּערזאָן 6 זל. מיט 50 גר. די פערטיי־לונג וועט פאָרקומען דורך די פעראיינען, שטיבּ־לעך א. אַ. וו. די, וואָס געהערען נישט צו די דער־מאָהנטע אינסטיטוציעס וועלען זיך קענען רעגיסטרי־רען אין „ראָבּראָטשינאָשטש“.

* * *

די קהלה־פערוואַלטונג בּעט די פאָרשטעהער פון די פעראיינען און שטיבּלעך, וועלכע האָבּען פאַראַיאָהרען דורכגעפיהרט די קוילען־פערטיילונג, אַז זיי זאָלען זיך היינט, 6 אַ זייגער אין אָוונט מעלדען אין דער קהלה, כּדי צו בּעקומען די נעהע־ריגע אינסטרוקציעס.

דער ערפאָלג פון דער פּרעסע־רעדוטאַ.

(—) די פּרעסע־רעדוטע איז געווען די שענ־סטע פערוויילונג אין היי־יעהריגען סעזאָן.

צו דער רעדוטע איז געקומען אַ גרויסער צולם פון דער בּעסטער לאָדזשער געזעלשאַפט.

דער עולם האָט זיך זעהר גוט געוויילט, און געטאַנצט בּיז 8 אינדערפריה. די דעקאָראַציע פון „אַררט“־מאָלער שמואל בּלום האָבּען זעהר אויס־גענומען.

די אויפשריפטען אין פּויליש, יודיש און דייטש פון די לאָדזשער יודישע צייטונגען האָבּען דערמאָהנט, אַז מען איז אויף דעם שענסטען בּאַל פון דער לאָדזשער פּרעסע.

די הויפּט־אַטראַקציע פון בּאַל איז געווען — די וואַהלען פון אַ שענהייט פון לאָדז.

די גרעסטע צאָהל שטימען האָט בּעקומען די פרוי פון אינזשיניער בּעקער, וועלכע איז טאַקע אויסגעוועהלט געוואָרען פאַר דער לאָדזשער שענהייט.

אין זשורי האָבּען זיך געפונען ד"ר. בּאַר־טשינסקי, פּרעזעס פון פינאַנץ־אַמט טאָווארניצקי און ריכטער פון קרייז־געריכט ווילעצקי.

אַ בּעוועגליכע אויסשטעלונג אין פּאַבּיאַניץ.

(2) היינט ווערט אין פּאַבּיאַניץ געעפענט אַ בּעוועגליכע אויסשטעלונג פון דער לאַנדעס־אינ־דוסטרי. אין דער פייערליכער ערעפנונג וועלען זיך בּעטייליגען פאָרשטעהער פון וואָיעוואודזטווע און פון האַנדעלס־מיניסטעריום.

ווער קאָן בעקומען אַרבייט אין פראַנקרייך

די יודישע צענטראַלע עמיגראַציע-געזעל-שאַפט אין פוילען פערעפענטליכט פאָלגענדע ידיעות.

1) אַרבייט אויפ׳ן לאַנד קאָנען בעקומען יחידים, געזונטע און שטאַרקע מענער פון 18—35 יאָהר, וועלכע זענען פריי פון מיליטער-דינסט, אָדער זיי האָבען אַנ׳ערויספאָהר-ערלויבניש פון דער מיליטערישער מאַכט.

2) עס וועלען צוגענומען ווערען נאָר אַזעל-כע קאַנדידאַטען, וועלכע וועלען בעווייזען, אַז זיי האָבען געאַרבייט אַ געוויסע צייט אַלס לאַנד-אַרבייטער און קאָנען די אַרבייט.

3) דער אַרבייטס-לוין פון אַ לאַנד-אַרבייטער בעטרעפט פון 200 ביז 250 פראַנק מאָנאַטליך אַ חוץ קעסט און קוואַרטיר.

4) עס קאָנען אויך בעקומען אַרבייט אויפ׳ן לאַנד ערד-אַרבייטער-פאַמיליעס, וואָס בעשטעהען פון אַ מאַן, פרוי און קינדער, וועלכע זענען גע-זונט און שטאַרק און פעהיג צו פעלד-אַרבייט.

5) די ערד-אַרבייטער-פאַמיליעס בעקומען אַ וואוינונג מיט בעהייצונג און געוויסע לייסטונגען אין נאַטור און אויך אַ מאָנאַטליכען געהאַלט אין דער הויך פון 500 פראַנק פאַר יעדען דערוואַק-סענעם מאַנספערשוין און 300 פראַנק פאַר יעדער דערוואַקסענער פרוי.

נאָכדעם ווי אַזעלכע פאַמיליעס אַרבייטען 1—2 יאָהר קענען זיי לייכט בעקומען ערד אין אַרענדע.

געוועזענע לאַנדווירטען אָדער אַרענדאַטאָרען, וועלכע זענען פעהיג זעלבסטשטענדיג צו פיהרען אַ ווירטשאַפט, קענען בעקימען אין פאַכט אַ פאַרם אין פראַנקרייך אויף פאָלגענדע בעדינגונגען:

1) אין יעדער פאַמיליע דאַרף זיך אַ חוץ איהר ראש. וועלכער איז פעהיג זעלבסטשטענדיג צו פיהרען אַ ווירטשאַפט, געפינען לכל הפחות נאָך איין דערוואַקסענער מאַנספערשוין, וועלכער קאָן אַלע לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייטען און איין פרוי, וועלכע פערנעמט זיך מיט הויז ווירטשאַפט.

2) די אַרענדע קען בעקימען אַ קאַנדידאַט, וועלכער וועט פאַר׳ן איבערנעהמען די אַרענדע-אַרבייטען עטליכע חדשים אין פראַנקרייך אַלס לאַנד-אַרבייטער און וועט זיך אין דער צייט בעקע-נען מיט די אָרטיגע אַרבייטס מעטאָדען.

ס׳איז געוואונשען, אַז די יודען, וועלכע האָבען אַ ידיעה אין לאַנדווירטשאַפט אָדער ערד-אַרבייט זאָלען זיך פעראינטערעסירען מיט דעם ענין.

יורידישע עצות.

אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג גיט די רע-דאַקציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט“ ענטוואָרטען אויף יורידישע פראַגען, וואָס ווע-רען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופּאָן.

יורידישע אָפּטיילונג
פון „נייעם פאָלקסבלאַט“.

[illegible]

גילטיג דעם 13-טען פעברואַר 1929

8795 אַ לעזערין פון דער ברזשעזשינער 21. אויב מען האָט אייך אַנגאַזשירט אַלס עקספּעדיענט-קע דאַרפט איהר נישט מיטהעלפען אין דער ווירט-שאַפט, ווייל דערמיט ווער׳ן געענדערט די בע-דינגונגען פון אַרבייטס-אָבמאַך און איהר האָט דעריבער דאָס רעכט אויף אַ קינדיגונג.

8796 ה. ז.

אויף אַ ציידע קאָן מען אויך מאַכען אַנ׳אָפּיע-קונסטוואָ אָבער נאָר אין דעם פאַל, ווען ער האָט נישט קיין אַנדערע קינדער און דער פאָטער-פּליכטיגער איז פאַקטיש זיין איינציגער שפּייזער.

8797 אַ לעזער פון זאַכאַדניע:

אַלס ליקווידאַטאָר פון די פליכטיגונגען פון דער געוועזענער רוסיש׳ר פערזיכערונגס-געזעל-שאַפט „זשיזן“ איז בעשטימט געוואָרען י. יאַב-לאָנסקי (וואַרשאַ מיאָדאָווע 11) וועגען אַלע ליק-ווידאַציע-ענינים קאָן מען זיך ווענדען צום ליקווי-דאַטאָר שפּעטסטענס ביז׳ן 12 פעברואַר.

8798 נומער 22 B.

וועגען די אויפנאַמס בעדינגונגען קאָנט איהר זיך גענוי אינפאָרמירען אין דער שול גופא „פּאָ-מאָרסקאַ 48“.

8799 ה. זילבערבערג פון זגערזשער גאַס:

8800 ח. וו.

8801 ג-נשמין:

וועגען אייערע ענינים מוזט איהר זיך פער-שטענדיגען פערזענליך מיט אונזער יוריסט טעגליך פון 3 ביז 4 מיטפּרעגנענרינג די צייטונג.

8802. ה-דאַרוש.

2 זל. 66 גר. פאַר 1 רוסישען רובל איז די העכסטע מאָס פון וואַלאָריזאַציע, פּרובירט זיך אין געריכט אַקעגענשטעלען דער פאָדערונג פון דער מאָהנענדער פירמע, אויפווייזענדיג קודם כל מיט ענטשפּרעכענדע דאָקומענטען אָדער עדות, אַז איהר זענט אין צוזאַמענהאַנג מיט די מלחמה אָדער נאָך דער מלחמה-געשעהענישען שטאַרק פעראָרימט געוואָרען.

אין אַזאַ פאַל וועט אָנגעוואָנדען ווערען אַ שלעכטער וואַלאָריזאַציע-מאָס.

8803. לעאָן בלייכשטיין.

די וועקסלען, וועלכע זענען געווען צאָהלבאַר פאַר׳ן אויסברוך פון דער מלחמה האָבען פערלוי-רען זייער גילטיגקייט דעם 31. דעצעמבער 1927.

8804. אַ שטענדיגער לעזער פון קילינסקיע-גאַ (ווידזעווסקאַ).

קעגען ווילען פון הויזווירט איז זעהר שווער צו צוטיילען דעם לאָקאַל. בערופען דאָס צו טון איז דאָס געריכט עווענטועל דער אורוש. ראָזיעמ.

8805. אַ לאָקאַטאָר פון אַל. 1. מאַי.

לאָקאַל-שטייער מאָהנט מען געוועהנליך אויף נאָר ביי לאָקאַטאָרען און נישט ביי סובלאָקאַטאָרען.

Dr. med. H. Lubicz

צעגעלניאַנאַ 43, טעל. 32-41

[illegible]

(האַר-אויסשלאַג)

[illegible] 10—2 און פון 5—8 [illegible]

Dr. med. I. WAJNBERG

CEGIELNIANA 47, tel. 26-02

אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעציעל פאַר לונגען-און האַרץ-קראַנקהייטען, בעשטראַהלונגען און קינסטליכע נערב-זון. אין דערהיים פון 3—5 נאָכמיטאָג.

יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20

אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאַן און א. סאַמפּאַניעץ.

היינט, מיטוואָך, דעם 13-טען, 9 אַ זייגער אָוועגד

צו פּאָפּולערע פּרייזען פון 1 ביז 2.50 צום 27-טען מאָל

די חלומות פון ליבע

אָפּערעטע אין 3 אַקטען מיט 25 נומערן געזאַנג און טענץ פון ליליען.

רעזשי: ל. ראַבינאָוויטש.

ס׳נעמט אנטייל (לויט א. ב.) פרויען: בעזמאַן, גאַריסאָווא, מאַכאַראָווסקאַ, נערה, פאָדערמאַן, קאַרעני, קאַמפּאַניעץ. מענער: אַריעל, אייזענבערג, באַלבירסקי, האַמבור ער, מאַכאַראָווסקי, מאַטקאָוו, נייהויז. פּאָלאַנסקי, ישראל קאַמפּאַניעץ, ראַבינאָוויטש, ראַקאָוו.

אַדמינ.: מ. אַרנוואַלד. מוזיק. לייטער: ל. זעלמאַן. בילעטען אין פילהאַרמאָניע-קאַסע.

אַנאָנס! אין פאַרבע-רייטונג: „דער גאָלדענער סאָלדאַט“

די פערשווערונג

פון קרוינפּרינץ רודאָלף געגען קייזער פראַנץ יאָזעף.

2.

אַ גזרה פון פראַנץ יאָזעף געגען דער פאַמיליע וועטשערא.

דעם אַנדערען טאָג אין דער פריה האָט זיך בעוויזען אַ גאַנץ פּערסאָפּעטע, מאַריאַ וועטשעראַ. אין דער בורג-קאַנצעלאַריע פון קרוינפּרינץ רודאָלף איהרע אויגען זענען געווען פול מיט טרעהרען.

רודאָלף: וואָס איז געשעהען?

מערי: נישט קיין סך היינט אין דער פריה האָט זיך ביי מיין מוטער בעוויזען דער גענעראַל אַדיוטאַנט פון קייזער, גראַף פּאַאַר מיט דעם בע-פעהל, אַז איך מיט דער מוטער זאָלען מיר צוזאַמען אַרויספאָהרען בסוד קיין גאָפּעל, וואו מען האָט פאַר אונז בעשטימט אַ ווילע און אַפילו אַ געוויסע פענסיע מיט דעם תנאי, אַז דו דער טראָן-פאָלגער זאָלסט נישט וויסען, וואו מיר געפינען זיך.

רודאָלף האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים קאָפּ. ער האָט איינגעהאַלטען אין זיך דאָס נישט פּאַסענדע וואָרט — וואָס וואָלט געקאָנט בעליידיגען דעם כבוד פון פאָטער פאַר דער פרעמדער דאַמע. דאָך האָט ער געטאָן אַ שטוים מיט׳ן פוס פון גרויסער אויפ-רעגונג.

— געהט די חוצפה אזש אַזוי ווייט?

— וואָס האָט דיין מוטער געזאָגט דעם גראַף פּאַאַר?

— אַז אין עסטרייך-אונגאַרן איז פערהאַנען אַ קאָנסטיטוציע, וואָס דערלויבט נישט צו פערטריי-בען אָהן אַ גרונד רוהיגע בירגער. אָבער גראַף פּאַאַר האָט געענטפערט דער מוטער, אַז עס האַנ-דעלט זיך דאָ וועגען דער טובה פון דער דינאַסטיע פון דער מלוכה, רודי וואָס-זשע וועט מיט אונז זיין? מיר מוזען דאָך ביז צום 30-טען פערלאָזען ווין...

— איהר מוזט נישט. דעם 30-טען וועט שוין זיין אין ווין עמיצער אַנדערש, וואָס וועט שוין געבען גאַנץ אַנדערע בעפעהלען, געה אַהיים רוהיג, רודאָלף האַלט דיך אונטער זיין שוץ!

•

די אינטערווענץ פון דער קייזערין עליזאַבעט אין דעם סכסוך צווישען קרוינפּרינץ רודאָלף און דעם קייזער פראַנץ יאָזעף האָט אַזוי פיל געהאָל-פען, אַז רודאָלף האָט בעשלאָסען צו נעהן אויף אַנ-אודיענץ צום קייזער און דער קייזער האָט מסכים געווען איהם אויפצונעמען.

די בעגעגעניש איז געווען אַ דראַמאַטישע און פראַנץ יאָזעף איז געקומען צו זיין זוהן מיט דעם לעצטען פאָרשלאַג, וואָס וואָלט געקאָנט לעזען דעם סכסוך אין זין פון קייזער.

די פּראָפּאָזיציע איז אָבער געווען אַ שרעקליכע און מען מוז זיך נור וואונדערען ווי אַ מענש מיט אַ האַרץ פון אַ טאַטען האָט אַזעלכעס געקאָנט פער-לאַנגען פון זיין קינד. מיר וועלען איבערגעבען דעם פערלויף פון שמועס צווישען קרוינפּרינץ רודאָלף מיט׳ן קייזער לויט די נאָטיצען, וואָס געפינען זיך אין טאָגבוך פון קרוינפּרינץ רודאָלף.

— קרוינפּרינץ, זעץ דיך! — מיט די ווערטער האָט פראַנץ יאָזעף זיך געווענדעט צו זיין זוהן, בשעת ער איז צו איהם אַריינגעקומען.

— איך האָב זיך געשטעלט צו דיין בעפעהל, מאַיעסטעט! — האָט רודאָלף האַרט אָבגעענטפערט.

רודאָלף האָט זיך געזעצט אַנטקעגענאיבער דעם קייזער ביים רונדען טישעל, וואָס איז געווען פער-וואָרפען מיט פיל פּאַפּירען. רודאָלף האָט געקוקט אויף דעם פּראַכטפולען פּאָרטרעט אַנטקעגענאיבער, וואָס האָט פאָרגעשטעלט פראַנץ יאָזעף׳ן אין די קרוינונגס-אוניפאָרמען, אַ שעהנע שלאַנקע געשטאַלט מיט דעם פּנים פון אַנ׳איידעלען יונגען מאַן, וואָס האָט געהאַלטען דעם סצעפּטער אין דער האַנד. רודאָלף האָט געטראַכט ווי ביטער די צייט ענדערט דעם מענשען און ווי אומרחמנות׳דיג זי רייסט פון זיי אַראָב די פרישקייט פון פריהלינג.

פראַנץ יאָזעף האָט געמאַכט אַנ׳אָנשטעל ווי ער וואָלט געווען פערטראַכט אין דער צייטונג, וואָס ער האָט געהאַלטען אין דער האַנד. אין אמת׳ן אָבער האָט ער אָנגעזאַמעלט אויף זיך אַלע נייטיגע כוחות, כדי דורכצופיהרען דעם גרויסען קאַמף מיט׳ן זוהן, ער האָט געקענט רודאָלף׳ן, ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט מיט איהם האָבען צו פיהרען אַ שווערען קאַמף און דאָך האָט ער זיך איינגערעדט, אַז ער וועט זיין דער שטאַרקערער אַלס קייזער און פאָטער.

דער קייזער איז פלוצים אויפגעשטאַנען, האָט אַוועקגעלעגט די צייטונג, האָט דורכשפּאַצירט עט-ליכע מאָל איבער׳ן צימער און האָט זיך געווענדעט מיט אַ שטרענגען געזיכטסאויסדרוק צו רודאָלף׳ען און האָט אַרויסגעבראַכט די ווערטער:

— נו, וואָס-זשע וועט זיין מיט דעם מיידעל, וועסטו זי נאָכלאָזען?

— שלעכט... איך וועל דערויף קיינמאָל נישט מסכים זיין.

— פאַרוואָס?

— דאָך..?!

— נישטאָ קיין „דאָך“ אַזאַ חתונה וואָלט געווען געגען דער עסטרייכישער פּאָליטיק, אפילו אַ געוועהנליכער אַדוואָקאַט וועט נישט דערלויבען, אַז זיין זוהן זאָל חתונה האָבען מיט אַ שיקסעטשקע און איצט זאָל דער עסטרייכיש-אונגאַרישער טראָנפאָל-גער חתונה האָבען מיט עפּעס אַ באַראָנין... איך געדענק אַפילו נישט איהר נאָמען.

רודאָלף איז געוואָרען רויט.

— אָבער בערבען, קייזער, דער האַבסבורגער הויף האָט שוין אַמאָל געגעבען זיין טאָכטער מאַריאַ לואיזאַ צו אַ פּראָסטען מענש פון פאָלק... צו נאַ-פּאָלעאָן!

דער קייזער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענט ביים קאָפּ:

— נאַפּאָלעאָן איז דאָך געווען... נאַפּאָלעאָן!

— האָט דער קייזער אויפגערעגט געטאָן אַ קלאַפּ מיט׳ן פוס און אַנ׳עסטרייכישע פּרינצעסין האָט דאָך געהאַט רעכט צו זיין קייזערין פון פראַנקרייך.

דער צבועה׳יאַקישער אַרויסדרעה פון קייזער האָט רודאָלף׳ען געקרענקט:

— דער עסטרייכישער הויף האָט שוין אַמאָל בעוויזען צו זיין די שטרענגסטע טראַדיציעס, אַ טאָכטער פון האַבסבורגיש בלוט איז שוין אַמאָל איבערגעגעבען געוואָרען צום קייזער פון דעם רעוואָלוציאָנערען פראַנקרייך — פון דעם זעלבען פראַנקרייך, וואָס האָט אויף דער גילאָטינע פערגאָסען דאָס בלוט פון דער האַבסבורג׳ישער טאָכטער מאַריע אַנטואַנעט.

דער קייזער האָט פערקריצט מיט די ציין;

— שווייג!... נאַפּאָלעאָן האָט גענומען נקמה ביי די מערדער... איבערהויפּט האָט די עסטרייכישע פּאָליטיק דאַמאָלס געפאָדערט אַזאַ חתונה...

— קייזער! מיר דאַכט זיך, אַז אונזער ווייטערער שמועס איז איבריג. וועסט ערלויבען, אַז איך וועל געהען.

דער קייזער איז אַוועק צו דער טיר און האָט זי גיך פערריגעלט.

— פּונקט פערקעהרט!... מיר וועלען לאַנג רעדען. איך האָב שוין פון פאָראויס בעשלאָסען, אַז דער דאָזיגער שמועס אונזערער זאָל דויערען אַ גאַנצע נאַכט אַפילו ביז זייגער 6 אין דער פריה, קוק! איצט איז איינס, חצות איז שוין אַריבער איך לאָז דיר איבער 5 שעה... זאָלסט צוריקקומען צום שכל. אויב איך וועל ביז 6 אַ זייגער דיך נישט איבערצייגען — דאַן וועסטו פון דאַנען אַוועקגעהען, אָבער...

— וואָס פאַר אַנ׳„אָבער“?... רעד!

— אַנ׳„אָבער“ וואָס מוז זיין דער רעזולטאַט פון אַ אומבערעכענטען שריט פון אַ ווידערשפּענס-טיגען זוהן. דיין ליבע נעמט דיר אַוועק דעם שכל, דו בערעכענסט גאָרנישט ווי דו צוברעכסט דאָס לעבען פון סטעפאַניאַ. זי האָט דיך ליב, זי האָט עס מיר אַליין געזאָגט, אָבער זי, וועמענס ליבע דו האָסט נישט פערשטאַנען צו שאַצען, זי האָט גע-מאַכט אַ שריט, וואָס דאַרף דיר געבען צוריק די פרייהייט... זי האָט דאָס אַליין מורה געווען היינט פאַר מיר.

רודאָלף איז געוואָרען בלאַס, דער קייזער האָט אַרויסגעשלעפּט עפּעס אַ צעטעל און האָט ווייטער גערעדט:

— זי האָט זיך פון איינענער איניציאַטיוו גע-ווענדעט צו איהר פאָטער דעם בעלגישען קעניג... זי קען ריינע פּלאַנען, זי ווייסט, אַז דו האָסט זי נישט ליב און זי וויל נישט זיין קיין מניעה אויף דעם וועג פון דיין גליק. איצט קוק וואָס איהר פאָ-טער דער בעלגישער קעניג האָט איהר געענטפערט:

„סטעפאַניע! ס׳איז דיין פליכט צו פערבלייבען ביי דעם מאַן דעם טראָנפאָלגער“.

רודאָלף איז געווען דערשיטערט — ער האָט געשוויגען.

— וואָס ווערסט זאָגען צו דעם אַלעם?

— האָט געפרעגט מיט טריאומף דער קייזער.

רודאָלף איז געווען בלאַס ווי די וואַנט. די לי-פען האָבען איהם געציטערט. ער האָט צוזאַמענגע-נומען די געדאַנקען. אין זיינע אויגען האָט זיך אָפּ-געשפּיגעלט פערצווייפלונג.

— וואָס איך וועל זאָגען?... אַז סטעפאַניאַ איז די איידעלסטע נשמה אויף דער וועלט... אָבער מיר זענען נישט געשאַפען פאַר זיך! די קייטען לינען שווער אויף אונז ביידע און שליסען פאַר אונז דעם וועג צו אמת׳ער ליבע און די היטער פון אונזער נעפּע זענען איהר ביידע, ווייל פאַר דעם בעלגישען קעניג איז סטעפאַניאַ נור אַ עסטרייכישע פּרינצעסין און פאַר דיר בין איך אויסשליסליך נור דער טראָנפאָלגער.

— נור... נור?... וואָס פאַר אַ „נור“?!

— יאָ מיר זענען נור היסטאָרישע בלעטער און נישט קיין לעבעדיגע מענשען!...

דער קייזער האָט אַרויסגעצויגען אַ גרויסע פאַרביגע פּאַטשיילע און האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס, וואָס איז איהם אַרויסגעקומען אויפ׳ן פּנים, דאַן האָט ער פעררויכערט זיין געוועהנליכען „ווירדזשיניאַ“-ציגאַר.

— הם... הם... אויב דו ווילסט זיי נור אַ מענש — האַ! האַ!... גליקליך אויף דיין שטייגער, דאַן דערצעהל׳זשע מיר נישט קיין מעשות, אַז איך שטעה דיר אויף דעם וועג פון דיין גליק... האָסטו... דאָרט האָסטו שוין צוגעגרייטע פּאַפּירען — מיין ערלויבניש אויף אַ גט.

(ווייטער קומט)

די מעלות און חסרונות פון ביראָ-בידזשאַן.

וואָס עס גיט איבער פּראָפ. באַטורינסקי.

אין רינגע ווילט איצט דער פּראָפ. דר. ר. באַ-טורינסקי.

פּראָפ. באַטורינסקי איז אַ מיטגליד פון פּרעזיר-יום פון „אָזעט" און האָט זיך בעטייליגט אין דער עקספּעדיציע קיין ביראָ-בידזשאַן, כדי אויפצוקלערען די אומשטענדען און די מעגליכקייטען פון דער קאָ-לאָניזאַציע אין דעם ראַיאָן געביט. אין אַ שמועס האָט פּראָפ. באַטורינצקי מיטגעטיילט פאָלגענדעס:

ביראָ-בידזשאַן פערנעמט אַ שטח פון 39 טוי-זענט קוואַדראַט-קילאָמעטער און איז גרעסער פאַר בעלגיען אָדער האָלאַנד. דער מהלך פון צענטער-רוס-לאַנד מאַכט אויס 9000 קילאָמעטער.

דער קלימאַט פון ב. ב. איז נישט קיין גלייכער. אין דעם דרום-טייל איז וואַרימער און דאָרטען זע-נען פערהאַן מעניגער רעגענס. אין צפון — איז קעלטער. ווינטער-צייט האַלטען זיך שטאַרקע פרעסט ביז 30 גראַד. דאָס געפרוירט נאָר 2—3 **חדשים, הויפּטזעכליך דעצעמבער און יאַנואַר. דער געביט איז** אָבער אַרומגערינגעלט מיט בערג און קיין ווינטען הערשען דאָרטען נישט. אַ חוץ דעם איז דאָרטען פערהאַן זעהר פיל זון. לויט דער מיינונג פון בעריימטע ספּעציאַליסטען איז אין ב.-ב. פערהאַן מעהר זון, ווי אין אַנדערע פונקטען פון סססר. זו-מער איז אין ב.-ב. גאַנץ הייס, אין פריהלינג זענען פערהאַן ווייניג רעגענס. דאַגעגען רעגענט עס שטאַרק אין יולי און אין אויגוסט.

די בעפעלקערונג פון ב.-ב. צעהלט אינגאַנצען 34.000 נפשות און בעשטעהט פון קאָזאַקען, וועלכע זענען אין יאָהר 1858 דורך דער צאַרישער מאַכט, אַריבערגעפיהרט געוואָרען אַהין מיט גוואַלד, כדי צו היטען די גרעניצען, קאָרייער, איבערוואַנדערער פאַר די לעצטע יאָהרען און אייזנזאַוינער אין די פונקטען פון דער אייזענבאַהן-ליניע (אַרבייטער, מייסטערס, מאַשיניסטען א. אַז. וו.) די געדיכטקייט איז איין נפש אויף אַ קוואַדראַט-קילאָמעטער. אַלט-איינגע-זעסענע אייזוואוינער זענען פערהאַן 17600, איבער-וואַנדערער — 1700, קאָרייער — 4400 און אַרביי-טער אין די אייזענבאַהן-פונקטען — 8000. די בע-פעלקערונג לעבט זעהר גוט און אַפילו לערך רייך. אין געביט איז נישט פערהאַן קיין קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, קיין שום פערביטערטקייט. אין ב.-ב. ווייס מען נישט, וואָס דאָס הייסט גנבה. קיין שום זאַך ווערט דאָרטען נישט פערשלאָסען אונטער אַ שלאָס. אַלע זענען בעמיטעלט און צופרידען. די קאָרייער זענען אַן אַרבייטספעהיגער און קולטור-רעלער פאָלק. בעת די קאָזאַקען פיהרען אַ האַנ-דערדיגע עקסטענסיווע ווירטשאַפט, ד. ה. בע-העצען זיך נישט אויף שטענדיג אויף איין אָרט האַ-רעזען נישט ווייערע ערד-חלקים — מחמת ערד איז פערהאַן אַ סך — פיהרען די קאָרייער אַן אינטענ-סיווע ווירטשאַפט. די קאָרייער וועלען אַרויס צו דער יודישער קאָלאָניזאַציע אַ זעהר גוטע בעציהונג. מחמת בשעתו זענען זיי אַליין געווען אונטער-דריקט פון דער יאַפּאַנישער מאַכט און האָבען געמוזט דערפאַר פערלאָזען זייער היימאַט.

די גאַנצע ב.-ב. בעפעלקערונג לעבט דער עיקר אויפ'ן ברעג פון אמור. איינינע דערפער געפינען זיך אויך ווייטער פון ברעג, אין צענטער.

בעת אין אַנדערע געביטען, שוין בעוואוינטע בעציהט מען זיך צו דער יודישער קאָלאָניזאַציע נישט אַלעמאָל פריינטלעך, איז אין ב.-ב. די בע-ציהונג צו דער יודישער איבערוואַנדערונג שוין גאָר אַנאַנדער ר... די ב.-ב. איינוואוינער בעציהען זיך פערקע... צו דער יודישער קאָלאָניזאַציע מיט גרויס אינטערעס, מחמת זיי ווייסען, אַז דערמיט וועט דער געביט אויפלעבען, עס וועלען אויסגעבויט ווערען וועגען, אַריינגעפיהרט ווערען לאַנדווירטשאַפט-ליכע מאַשינעס א. אַז. וו. עס איז קלאָר, אַז די קאָ-לאָניזאַציע אין דעם געביט דאַרף זיין אָנאָרגאַני-זירטע און פון די טעכנישע לאַנדווירטשאַפטליכע איינאָרדנונגען, מעדיצינישע פונקטען און ד. גל. דאַרף אויך געניסען די אָרטיגע בעפעלקערונג.

בכלל איז די ערד-איינאָרדנונג אין דעם געביט נישט קיין אומדערוואַרטע דערשיינונג. ביז איצט זענען אין ב.-ב. נישט געווען קיין גרעניצען פון ערד-אייגענטום, אַ דאַנק דער עקסטענסיווער ווירטשאַפט די פראַגע וועגען רעגולירען די גרעניצען פון ערד-אייגענטום און ערד-איינאָרדנונג, איז שוין לאַנג גע-שטאַנען אויפ'ן סדר-היום פאַר אונז.

די עקספּעדיציע האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין ב.-ב. וואַקסען פערשידענע קולטורען, ווי כינעזישע בעבלעך, ווייצען, און ריז, וואָס קענען ביי מאָדער-נע און פּלאַנמעסיגער ווירטשאַפט געבען גרויסע הכנסות. אַ חוץ דעם וואַקסט אין ב.-ב. קאַרקען-בוים, ווילדע ווייטרויבען, וואָס קענען ווערען אַ הכנסה-פולער ווירטשאַפט-צווייג און ד. גל. די נער-רעטעניש איז אין לאַנד בעריימטער העכער די יאַפּ-אייראָפּעאישען רוסלאַנד. די נערעטעניש פון ווייץ מאַכט-אויס פון 50 ביז 90 פוד אויף אַ דעסיאַטין, בעת אין צענטראַל-רוסלאַנד דערגרייכט דער מאַק-סימום ביז 50, פון קאָרן 55 ביז 100 (צענטראַל-רוסלאַנד מאַקסימום 45) א. אַז. וו.

די פּאַרקערס-וועגען זענען גינסטיגע. מיט דעם טייך אמור קען מען אָנקומען ביז ניקאָלאַיעווסק. מיט כינע פערבינדט דעם געביט דער טייך סאונ-גשאַרי. די אייזענבאַהן-ליניע דערגרייכט ביז וולאַדי-וואָסטאָק.

אין ב.-ב. קען זיך צוגלייך מיט דער לאַנדווירט-שאַפט אַנטוויקלען אַ גרויסע האַלץ-בעאַרבייטונג-טעטיגקייט: די וועלדער פערנעמען קאָלאָסאַלע שטחים. מען קאָן אויך איינאָרדנען שוועבעלעך-פאַבריקען א. אַז. וו. אַ חוץ דעם איז דער געביט רייך מיט גאָלד, גראַפיט. אייזענערץ, שטיין-קוילען און אַנדערע נאַטור-רייכטימער.

אין ביראָ-בידזשאַן איז אויך פערהאַן אַ קוראָרט קולטור, וואָס פערמאָגט מעהרערע שוועבעל-קוואַלען

דער אָפּזאַץ-מאַרק איז אַ גינסטיגער, די לאַנד-ווירטשאַפטליכע פּראָדוקטען, ווי אויך תבואה קענען לייכט פערקויפט ווערען אין די אַרומיגע געביטען און פאַר'ן עקספּאָרט. די פּרייזען זענען דאָרטען אויך העכערע, ווי אין צענטראַל-רוסלאַנד. אין ב.-ב. קען געבען אויך אַ גרויסע הכנסה דער פיש-פאַנג און געיעג. די טייכען זענען אַזוי רייך מיט פיש, אַז מען קען זיי אַפילו כאַפּען מיט די הענד. די עקס-פּעדיציע האָט נאָך פעסטגעשטעלט, אַז די באַרג-העכערונגען זענען צוגעפּאַסט פאַר ביינען-צוכט. אַ גרויסע נערעטעניש גיבען די ריזען-פּלאַנטאַציעס. נישט זעניגער פאַר 200 פוד אויף אַ דעסיאַטין. די פּלאַנטאַציעס, וועלכע זענען איינגעאָרדנעט גע-וואָרען פון דער רעגירונג, זענען, ווי בעקאַנט, איי-בערגעגעבען געוואָרען אין רשות פון די יודישע איי-בעהאַנדערער.

די קאָלאָניזאַציע אין ביראָ-בידזשאַן שטויסט זיך אָבער אָן אויף געוויסע נעגאַטיווע דערשיינונגען און בעשטימטע שוועריקייטען. קודם-כל דער גרויסער מהלך פון צענטער. עס איז פערשטענדליך, אַז עס וואָלט געווען בעסער, אויב דער געביט וואָלט געלעגען נעהנטער און מען פאָהרט דאַך אַהין און מען אָרדענט זיך איין. דאָס איז שייך צו אַנדערע אָרגאַניזאַציע-לענדער, ווי אַרגענטינא, בראַזיליען און א. וו. מען דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז מיר בעקומען אַ דורכאויסיגע לאַנד, אָן שום קאַמף, מיט פרייער ערד, קאָלאָסאַלע וועלדער-און נאַ-טירליכע רייכטימער. אַ חוץ דעם בעקומען דאַך די איבערוואַנדערער אַ בעשטימטע מאַטעריעלע הילף פון דער רעגירונג און געזעלשאַפטליכע אָרגאַ-ניזאַציעס.

דער צווייטער חסרון פון ב.-ב. איז די זומפּיקייט אין מעהרערע קרייזען. די מעליאָראַציע פאָדערט אַ גרויסע אַרבייט. פון דער אַנדער זייט זענען אָבער פערהאַן בעדייטענדע ערד-שטחים, וואָס זענען צוגעפּאַסט פאַר ישובים און לאַנדווירטשאַפטליכע טעטיגקייט. די מעליאָראַציע-אַרבייט קען אַ חוץ דעם דורכגעפיהרט ווערען בהדרגה.

צו די חסרונות פון ב.-ב., געהערט אויך דער פאַקט פון דער אַנוועזענהייט פון בייסיגע פליגען. די אַזוי-גערופענע גנוס. די דאָזיגע פליגען זענען נישט געפעהרליך: זיי פערשאַפען אָבער געוויסע אומבע-קוועמליכקייטען סיי די מענשען און סיי די בהמות. עס מוז אָבער נישט פערגעסען ווערען, אַז מיט'ן ראַיאָנען רעפעקט מוז מען קעמפען אין יעדען לאַנד, וואו מען הויבט אָן אַ קאָלאָניזאַציע-אַרבייט. בעת די זומפּען וועלען אויסגעטריקנט ווערען און ב.-ב. וועט מעהרער בעפעלקערט ווערען, וועט דער דאָזי-גער חסרון בעזייטיגט ווערען. די האַרבקייט און אומגלייכקייט פון וועטער קאָן נישט בעצייכענט ווערען אַלס נעגאַטיווער אומשטאַנד. לויט דער מיי-נונג פון די ספּעציאַליסטען איז די געגנט פונדעסט-וועגען אַ געזונטע. די איינוואוינער זענען אַלע פיזיש-גוט אַנטוויקעלט און זענען וואוקסיקער פאַר רוסישע פויערים.

בכלל גערעדט, זענען די חסרונות אין ב.-ב. נישט קיין אָרגאַנישע און טראָגען אַן איבערגייענ-דיגען כאַראַקטער, מיט וועלכע מען טרעפט זיך אין איטליכער קאָלאָניזאַציע-לאַנד.

ביראָ-בידזשאַן האָט אָבער גרויסע מעלות. קודם כל איז דאָס לאַנד אַ דורכאויסיגע טעריטאָריע וועלכע קאָן אַריינעמען נישט נאָר די גאַנצע יודי-שע בעפעלקערונג פון סססר. דאָס לאַנד בעקומט מען אומזיסט. אַזאַ דערשיינונג פּאַסירט צום ערשטען מאָל. די יודישע איבערוואַנדערער וועלען זיין די ערשטע אין דעם לאַנד, אויף וועלכען קיינער פרער-טענדירט חוץ דעם נישט. ב.-ב. איז אויך נאָהענט צו די וועלט-מערק. און דערצו קומט נאָך צו דער אומשטאַנד, אַז ווי נאָר ב.-ב. וועט בעזעצט ווערען מיט יודישע מאַסען, וועט זי דערקלערט ווערען אַלס אויטאָנאָמע יודישע טעריטאָריע.

Dr. med. J. LUBICZ

ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46

קראַנקהייטען פון די גלידער, געלענקען,

פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער.

איינגעבויגענע פוס-האַלטונג און ...

לייכט ...

עמפּפאַנגט פון 5—7 אין אָוונט.

Dr. H. WOŁKOWYSKI

צעגעלניאַנאַ 25, טעל. 26-87

ספּעציעל אַרצט פאַר הויט און ווענע-

רישע קראַנקהייטען, מענער-

שוואַכע. אַלע אַרט אַנאַליזען, באַהאַנד-

לונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.

אַנפאַנג פון 8—10 פריה, 12—2 נ.מ. און פון 4—8 פּ"מ

דאגות און צרות

פון דער יודישער סטודענטענ-שאַפט אין עסטרייך.

(ענדע פון 3-טער זייט).

מצד די בני-ברית-לאָזשען ווי אויך מצד דער וויענער קהלה, אָבער דאָס איז ווי אַ טראָפּען אין ים ענטגעגען די פּרימיטיווסטע מענשליכע בעדער-פעניש פון עטליכע טויזענד סטודענטען.

נישט קוקענדיג אויף אָט אַ-אַ לאַגע האָבען אַלע סטודענטישע רעדנער אויף דער קאָנפערענץ אַמזעניגסטען בעריהרט דאָס דאָזיגע אומגליק פון בוכשטעבליכער פיזישער נויט. רעפעראַטען און דע-באַטען האָבען זיך געדרעהט הויפּטזעכליך אַ-ום פראַ-גען פון אייגענער גייסטיגער אויסבילדונג און פון טי-פערען אַריינדרינגען אין די פּאָליטישע קולטורעלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון יודענטום. אין צו-זאַ-מענהאַנג מיט אַן אַקטועלער פראַגע (צי דער הויכ-שול-אויסשוס מעג אויפנעהמען אַלס מיטגלידער אויך אַזעלכע יודישע סטודענטען, וואָס זענען געבאָרען קאָנפעסיאָנלאָז, אַרויסטרעטענדיג פון דער קהלה, אָדער אַזעלכע וואָס זענען אַנטי-נאַציאָנאַל און פערשרייבען זיך אין דער אוניווערזיטעטס-מעטריקע נישט אַלס יודען, נאָר אַלס רומענער, מאַדיאַרען, דייטשען וכדומה), האָט מען דורך אַ האַלבען טאָג זיך פערטיפט אין דער האַרבער פראַגע פון „מהות היהדות", ברענגענדיג ראיות פון אחד-העם, ש"י איש הורוויץ, בערדיטשעווסקי, הערמאַן, קאָהען, א. אַנד. איבער'ן וועזען פון יודענטום און יודיש-קייט, איבער יודישע עטיק, יודישע רעליגיע, יודישע האַרץ וכדומה. אַפילו סאָציאַליזם און קאָמוניזם זענען אַנאַליזירט געוואָרען אויף זייער יודישען קער-רענדיל אין ליכט פון תנ"ך און פון מוסר-היהדות. פיעלעס איז געווען גרין, יונג, דילעטאַנטיש, אָבער דאָס ערשטע מאָל אַ גייסטיגע סטודענטישע אַט-מאָספערע מיט יוגנדליכען פייער און מיט פאַנאַ-טישען טעמפּעראַמענט.

דאָסזעלבע גייסטיג-העכערע בילד האָט זיך איצט געבאָטען אויף דער יעהרליכער טאָגונג פון די ציוניסטישע סטודענטישע פערבינדונגען און פער-איינען. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע האָט אין די לעצ-טע יאָהרען געלעבט מעהר אויפ'ן פּאַפּיר און עס איז איצט אַריבער דאָס ערשטע יאָהר פון בעניי-טער גייסטיגער און אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבייט אַ דאַנק די רעוויזיאָניסטען, וועלכע האָבען גענומען אויף זיך דעם איניציאַטיוו צו רעאַקטיווירען די צי-ניסטישע סטודענטענשאַפט אין עסטרייך. מען האָט זיך דאָס מאָל נישט געאַמפּערט איבער נעבענ-זעכליכע פאָרמאַליטעטען פון קאַפּען, בענדער און רגולען. דער גאַנצער סדר-היום איז געווען געווידמעט די אָנגעזועהטאָגטע נאַציאָנאַל-יודישע און ציוניס-טישע פּראָבלעמען פון לעצטען רעצעניום, העברעאי-זירונג, ליטעראַטור און קולטור-פראַגען, זענען דאָס-מאָל בעהאַנדעלט געוואָרען ערנסטער, נאָהענ-טער, אַפילו די „רושואיש איידזשענסי" האָט פער-נומען אַ היבשען פּלאַץ אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן פאָרשטעהענדען ציוניסטישען קאָנגרעס.

אויך דאָ איז אין פיל הינזיכטען נאָך געווען רויה, האַלבע אַרבייט, אָבער מען זעהט ערנסטע אָנשטרענגונגען צו עהרליכער און נעזיסענהאַפטער, נאַציאָנאַלער אַרבייט. מען פיהלט אַ נייעם ווילען און פרישען מוט אַרויסרייסען זיך פון גראָהעם טאָג, צוריק צו פערטיפונג איז נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און צו מיטאַרבייט אין אַלע אויפגאַבען פון ציוניזם.

געוויס איז דאָס נישט קיין פּראָצעס פון היינט אויף מאָרגען אָבער אַ געוואַלדינער שריט פאָר-ווערטס איז שוין דאָס אויפגעוואַכטע בעוואוסטזיין פון יודישען סטודענט און זיין כרישע בעמיהונג צוערר-גרייכען אַ בעזונדערע פּאָזיציע אין נאַציאָנאַלען לע-בען פון פאָלק. (יט"א).

דער שוואַרצער וואָלף

(רּאָמאַן). (61

ווערטהיימער האָט אָנגעגאָסען אַ גלעזעל קאָניאַק.

וואָלאַדעק האָט איהם בעדאַנקט.

ווערטהיימער האָט דאַן אויפגעהויבען זיין כוס און אויסגערופען:

— נו, מילא... זאָל זיין, לחיים! איך טרינק פאַר אייער געזונד.

וואָלאַדעק האָט עפּעס אַרויסגעשטאַמעלט אונ-טער דער נאָז, און ענטשוויגען געוואָרען, בע-טראַכטענדיג נייגעריג דעם באַלעבאָס.

ווערטהיימער האָט אויסגעטרונקען זיין גלע-זעל, און נישט איילענדיג פערויכערט אַ ציגאַר.

— אַלזאָ, — האָט ער אַ זיפץ געטון, אַרויס-לאָזענדיג אַ רינג פון בלויעם רויך — איצט קאָנען מיר געמיטליך און פריינדליך אַ שמועס טון... הגם דעם פאָרינען מאָל האָט איהר מיך אָוועקגעשיקט אין אַלדי רוחות.

וואָלאַדעק האָט נישט ווילענדיג אַ שמייכעל גע-טון.

— איך בין זעהר צופרידען, וואָס איהר האָט מיך נישט בעליידיגט.

— וואָס איז דאָ געווען צו בעליידיגען זיך? פערקעהרט, מיר איז עס זעהר געפעלען געוואָרען. איהר האָט געהאַנדעלט פולשטענדיג ריכטיג.

— אויב אַזוי איז אייער מיינונג — האָט וואָלאַדעק ערנסט געזאָגט — צו וואָס-זשע האָט איהר זיך פערבונדען מיט אונז חברותא?

— צים אומגליק קאָן אַ מענש נישט שטענדיג אויסקלייבען זיינע פריינד און בעקאַנטע. מען טרעפט זיך צוזאַמען, מיט וועמען עס מאַכט זיך. אָט, למשל, האָט איהר גופא מיר אַרויסגעוויזען אייער אויפמערקזאַמקייט און געקומען צו מיר... און האַלטען האַלט איהר מיך דערביי פאַר דעם גרעסטען אויסוואורף און פּאַסקודניאַק!

— צול ב דרויעלבער סיבה, וואָס איך האָב זיך געזעהן מיט אייך פריהער... ווייל איך פער-שטעהן אייער שפּיל!

מיט אַ קרומער העויה האָט ווערטהיימער גע-וואָרפען אַ בליק אויפ'ן באַלקאָן.

— אָך מיין פריינד! איהר ווילט אַ ביסעל צופיל וויסען!

— עפּיס וואָס ווייס איך שוין — האָט וואָלאַ-דעק געענטפערט — איך זעה, צום ביישפּיל, אַז איהר האָט בעשלאָסען אַ לענגערע צייט נישט אַוועקציפאָהרען פון דעם לאַנד.

— פינוואַנען זעהט איהר עס?

— פון אייער וואוינונג איז עס צו זעהן, אַז איהר האָט זיך דאָ באַלעבאַטיש איינגעאָרדנעט.

— אָך, די וואוינונג!.. יאָ, אַ זעהר ליבע וואוינונגעל!

— בענקט איהר נישט נאָך אויסלאַנד?

— זעהר! נאָר, וואָס מעהר מען בענקט, אַלץ אַנגענעהמער איז די צוזאַמענטרעפעניש...

— איהר ווילט זאָגען, אַז איהר קאָנט צוריק קומען אין אייער פאָטערלאַנד, ווען איהר זאָלט נאָר וועלען?

— און איהר מיינט ווידער, אַז איך בין דאָרט געגאַנגען פּערשיט, און דער צוריקקעהר פאַר מיר איז דאָרט אָפּגעשניטען? — האָט ווערטהיימער שטאָלץ אויסגערופען — אַנטפערטוויען אייך אָבער אין מיינע עסקים האָב איך נישט קיין חשק. אַלסו-פאַלס, דאָס קאָן איך אייך זאָגען, אַז צו יעדער צייט קאָן איך אָנקומען פריי און פראַנק אין מיין פאָטערלאַנד. און פאַרוואָס טאַקי זאָלען מיר זיך נישט טראַכטען אויף אַ צוויי טאָג קיין דייטש-לאַנד?

וואָלאַדעק האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ.

— הערט נאָר! — האָט זיך ווערטהיימער פונ-אַנדערגעלאַכט — הערט אויף צו ברעקלען זיך. בנאמנות, איך בין נישט אַזאַ שלעכטער יונג, ווי איהר שטעלט זיך פאָר. כל זמן מיר קומען זיך פון צייט צו צייט צוזאַמען געשעפטליך, טאַ פאַרוואָס-זשע זאָלען מיר זיך נישט האַלטען ביי אַן'אמת פריינדליכען טאָן?

— איך מיין נישט, מיר זאָלען זיך דאַרפען אָפט צוזאַמענקומען.

— לאָזט אָפּ! איך גלויב נישט, אַז איהר זאָלט האָבען בעשלאָסען ערנסט פערנעהמען זיך מיט אייער נייעם פאַך. איהר זענט נישט אַזאַ מין מענש, וואָס ענדיגט זיין קאַריערע אַלס אַ שאָפער פון אַ מאַקסובקע... כדי אָבער צוריקצוקעהרען זיך צו אייער פריהערדיגער בעשעפטיגונג דאַרפט איהר — אָבער קומען מיט אונז אין אַ הסכם, אָדער פערלאָזען וואַרשאַ.

קומען אין אַ הסכם מיט דזשייקאָבס'ן, קאָ-משאַלקאָווסקי'ן, פּאָפּיגאָ'ן און מיט אייך?

— יאָ.

— הער ווערטהיימער, — האָט וואָלאַדעק רו-היג דערקלערט — קיין איינער פון אייך וועט מיך נישט אָפּשטעלען, אויב איך וועל זיך וועלען צו-ריקקעהרען צו מיין אַלטער בעשעפטיגונג.

— איך האָף, אַז איהר האָט נישט גערעכענט ערנסט זי אַוועקצוואַרפען? — האָט ווערטהיימער איבערגעפרעגט מיט ברייט-געעפענטע אויגען.

— ווער קאָן וויסען...

— אַהאַ! איצט פערשטעה איך... אַלזאָ, איך פערשטעה שוין, וואָס ס'האָט אייך געצוואונגען אַוועקצוואַרפען אייער בעשעפטיגונג, און פער-וואַנדלען זיך אין אַ שאָפער!... איך פערשטעה!... איך מוז אייך אָבער זאָגען, הער לעמאַן, (ווערט-היימער האָט טראַכטענדיג פערזשמורעט די אויגען) אַז כ'רעכען נישט אַזאַ ענדערונג זאָל אייך בע-פרידיגען... אויב, פערשטעהט זיך, היינטער די אַלע שפּיצלעך שטעקט נישט עפּיס אַן אַנדער שפּיצל!

— וואָס-זשע טראַכט איהר?

(פאָרטזעצונג קומט)

יודישע סיים-קאמיסיע לעגט אפ די פראגע וועגען די צארישע בעגרענצונגען.

ווארשא, 12 (טעלעפאניש פון אונזער סיים-קארעספאנדענט). היינט איז פארגעקומען א זיצונג פון דער יודישער קאמיסיע ביים סיים. דעפ. הארטגלאס האט רעפערירט דעם פארשלאג פון קאלא וועגען אפשאפן די צארישע בעגרענצונגען. ער האט אנגעוויזען, אז דאס העכסטע געריכט האלט, אז די בעגרענצונגען זענען אפגעשאפט לויט דער קאנסטיטוציע. דאגעגען דער העכסטער אדמיניסטראטיווער טריבונאל שטעהט אויף אן אנדער שטאנדפונקט. דעפ. הארטגלאס ציטירט א רייהע פאלען פון אנווענדען די צארישע בעגרענצונגען. מ׳ואגט אז די בעגרענצונגען זענען נוגע אויך אנדערע רעליגיעס, אבער דאס איז נאר אויפ׳ן פאפיר, פאקטיש בעציהען זיי זיך בלויז אויף יודען.

די סאנאציע-דעפוטאטען פאפאסקי און זיידלער לעגען פאר די פראגע איבערצוגעבען אין א סוב-קאמיסיע, וואו זי וועט בעטראכט ווערען אין איינעם מיט אלע עהנליכע ענינים.

דעפ. לאנגע (וויזוואלעניע) איז פאר אנ׳אלגעמיינעם פארשלאג וועגען אפשאפן אלע נאציאנאלע און רעליגיעזע בעגרענצונגען.

דער פארשלאג פון דעפ. הארטגלאס, אז די סוב-קאמיסיע זאל זיך דערווייל פארנעהמען מיט די דערמאנטע צארישע בעגרענצונגען ווערט נישט אנגענומען און די פראגע ווערט אפגעלעגט.

קראנקהייט פון מלוכה-פרעזידענט׳ס איידעם.

ווארשא, 12. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) דער געזונד-צושטאנד פון מלוכה-פרעזידענט-ס איידעם איז זעהר אנ׳ערנסטער. אין צוזאמענהאנג דערמיט רעכענט מען זיך מיט וויכטיגע פאליטישע ענדערונגען.

געעפענט דעם 2. לאנד-צוזאמענפאהר פון די יודישע האנדווערקער אין פוילען.

ווארשא, 12 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). היינט איז אין ווארשא געעפענט געווארען דער צווייטער לאנד-צוזאמענפאהר פון די יודישע האנדווערקער-פעראיינען אין פוילען.

צום צוזאמענפאהר האבען געזאלט קומען 600 דעלעגאטען, נאר צוליב די פרעסט זענען געקומען קנאפע 400.

12 א זייגער בייטאג האבען זיך די דעלעגאטען פערזאמעלט פאר׳ן לאקאל פון דער האנדווערקער-צענטראלע (נאלעווקי 2 א) און פון דארט מיט פענער און מוזיק אפמארשירט אין די זאלען פון ווארשאווער שטאט-ראט, וואו דער צוזאמענפאהר קומט פאר.

האלב 2 נאכמיטאג האט דעפ. ראבנער געעפענט דעם צוזאמענפאהר און ערקלערט, אז דער אייגענטליכער ציל פונ׳ם צוזאמענפאהר איז צו פעראייניגען די האנדווערקער-באוועגונג פון קאנגרעס-פוילען און גאליציען, צו נעמען א שטעלונג צום צעכען-געזעץ און וואהלען צו דער האנדווערקער-קאמער.

אין נאמען פון יודישען סיים-קאלא האט בעגריסט דעם צוזאמענפאהר דעפ. גרינבוים; פון „ארט“ — ד״ר זילבערפארב און אין נאמען פון „דזשאינט“ און „פונדיישן“ ד״ר סענאטאר, וועלכער האט צוגעזאגט, אז דער „דזשאינט“ און דער „פונדיישן“, וועלען ווייטער, ווי ביז-איצט, שטיצען די יודישע קאאפעראטיוו-בעוועגונג און די פראפעס-אנעלע בילדונג.

ס׳האבען נאך בעגריסט דעם צוזאמענפאהר: א פארשטעהער פון האנדעלס-מיניסטעריום, פון אינדוסטריע-אמט ביים האנדעלס-מיניסטעריום און פון פוילישען האנדווערקער-פעראייז.

דערמיט איז אדורך דער ערשטער צוזאמענפאהר טאג.

אסיור פריז פאר׳ן געעהרטען לאדזער פובליקום!

נור 1 רעקלאמע-חודש!

צוליב דער ערעפנונג פון בעקאנטען און יעצט ניי-איינגעארדנעטען קונסט-פאטאגראפישען אטעליער

„Parisien“

30 פראנציסקאנער 30

צו יעדער אויפנאהמע ווערט גראטיס צוגעגעבען א סאלאן-פארטרעט.

אויסערדעם ווערען אויסגעפיהרט די שענסטע אויפנאהמען לויט דער נייעסטער פאטא-טעכניק צו מעסיגע פרייזען.

פאר פעראיינס-גרופען—ספעציעלע הנחות. מיט אכטונג

Zakład Fotograficzny

„PARISIEN“

30 FRANCISZKAŃSKA 30.



אפילו מעסערס פון גרגסטען שטאהל קענען האבען א שעהנעם אויסזעהן, אויב זיי זענען גערייניגט מיט ווים. פאר׳ן רייניגען דארף מען אבווישען מיט א פייכט שמאטקעלע, בעשיט מיט א קליין ביסעל ווים, — און אלע פלעקער און שפרינקעלעך פערשווינדען זאפארט.

דערנאך ווייקען, דערפיהרען ביז צו א גלאנץ מיט א ריין שמאטקעלע און די מעסערס וועלען זיין שעהן. ווים ווערט פערקויפט אין פראקטישע פעקלעך, וועלכע פערלייכטערען דעם שפארזאמען געברויך. יעדע שאכטעל ווים האט א בלעכענעם דעק, וועלכער פערזיכערט עס פון פייכטקייט.

VIM

V.P.13—22

ZIEMIOPŁODY.

Dobrze ustosunkowana firma poszukuje, celem rozszerzenia i objęcia wyłącznej sprzedaży interesu, **spólnika** możliwie fachowca z kapitałem do **5000 dolarów.** Oferty sub. **„Ziemiopłody“.** 4368

אנ׳אנגעזעהענע פאבריק

פון טואלעט-זייף, קאסמעטיק און פערפומעריע-אויסארבייטונגען

זוכט אגענט

א גוט-איינגעפיהרטען צו בעזוכען היגע סקלאד-אפטעקען און גאלאנטעריע-געשעפטען. אפערטען מיט אנגאבע פון דער ביז-איציגער טעטיגקייט, ווי אויך רעפערענצען אונטער „Kowi“ אין אדמ. „נייער פאלקסבלאט“.

Dr. med. NIEWIAŻSKI

ספעציאליסט פאר סיפיליס, טריפער און הויט-קראנקה. בעהאנדלונג פון מענער-שוואכע.

אנדזשעיא 5, טעל. 40-59

נעמט אן פון 8—10 פריה און פון 5—9 אווענד. בעזונדערער ווארטע-זאל פאר פרויען.

PORADNIA WENEROLOGICZNA

פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

זאוואדזקא 1.

נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקה. און מענער-שוואכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפיליס און טריפער. קאנסיליומס מיט ספעציאליסטען פון אורא-לאגישע און נערווען-קראנקהייטען.

קווארץ-לאמפ. עלעקטרישער הייל-קאבינעט קאסמעטיק.

— — טעגיג פון 8 פריה ביז 9 אווענד. — —

פון 11 ביז 12 ביי טאג און פון 2 ביז 3 נאכם. נעמט-אן א 5 ־וי-דאקטאר נור קינדער און פרויען זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמיטאג.

— בעזונדער ווארטע-צימער פאר פרויען. —

וויזיט 3 זל.

Dr. med. A. Uryson

אינערליכע קראנקהייטען

ספעציעל מאגען, דארם און לעבער-קראנקהייטען

קאנסטאנטינער 20, טעל. 35-85

נעמט אן פון 3 ביז 5 א זייגער נאכמיטאג

Dr. med. W. EYCHNER

גינעקאלאג-אקושער

זגערזשער 11.

טעל 34-72

נעמט אן פון 6—8 אווענט.

Dr. ADAM GROSGLIK

Al Kościuszki 27

tel. 51-78.

הויט- און וענערישע קראנקהייטען און ליכטהייל אינסט. נעמט אן פון 4—7 אין אווענט

איך נעהם אן צושטריקען

אויף 13-ער מאשין רענדלעך צו שקארפעטקעס ביליגע פרייזען. עס קאן זיך מיט דער מאשין צו לערנען

נאוואמיעסקא 7, קשטיין.

4368

AKUSZERKA MASAŻYSTKA

B. JAKUBOWICZ

38 זגערזשער 38.

ערטיילט הילף-געבורטען פריוואט און פון דער קראנקן-קאסע. כ׳באם אויך אן אינדערהיים וויזיטען.

LEKARZ DENTYSTA צאהן-ארצט

St. GELBERG

זאכאדניא 15, טעל. 31-08.

טיילט גאנץ פערגאכלעסיגטע צייהן- און מויל-קראנקהייטען, צאהן-ציהונג אהן שמערצען, היילט מיט ליכט-בעשטראהלונג, ספעציעלער לאבאראטאריום פון קינסטליכע צייהן.

נעהמט אן פון 9 פריה ביז 7 אווענד.

Dr. J. HERSZFINKIEL

צוריקגעקעהרט.

ספעציאליסט פון קינדער-קראנקהייטען

זאוואדזקא 15, טעל. 87-11.

נעהמט אן פון 8—9½ און פון 3—5 נאכמיטאג.

עלעגענהייטליך אמציאה צו פערקויפען

א הויז אויף יעראזאלימסקי 8, וואס בעשטעהט פון א פראנט, 2 אפיצינעס צו 3 שט., יעדע צו 36 לאקאטארען צו איין שטוב און קיך, צו פערקויפען. צו ערפאהרען ביי נטע ווינקראנץ, פאמארסקא 8. ריינער היפאטעק. מעקלערס נעהאוגשען. 4358

אנאנסען-פרייז פאר׳ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו״ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 „ „ „ „ „ —60 „ „ „ „ 4 „
פאר א מילימעטער-שורה: נאכ׳ן טעקסט—12 „ „ „ „ „ —18 „ „ „ „ 8 „
אויסער דער שטאט 50 פראצ. טייערער. אויסל. 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען—10 גר. א ווארט

אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז — 5 זל. א חודש מיט אטראגען א היים; אויף דער פראווינץ — 6 זל. א חודש; אין אויסלאנד — 8 זל. פאר׳ן אינהאלט פון טע־זין פון די אנאנסען איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך די אדמיניסטראציע איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat“, spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufmann.

Czcionkami i druk. „Najer Folksblat“, Piotrkowska 21.